W 3/12180

I. MOREINS.

(ebreju val.)

# LATVIJAS 15 GADI

## Republikas dibināšana un attīstība.

Valsts bibliotēka Inv. 57602

Ar preses šefa J. Seska priekšvārdu.

Latvijas židu rakstn. b-bas „Alef" izdevums. Rīgā 1933 g.

Spiestuve „HEROLD", Rīgā, tālr. 29658

LATVIJAS NACIONĀLĀ BIBLIOTĒKA
0309114312
VALSTS BIBLIOTEKA

# Saturs

Preses šefa J. **Seska** priekšvārds. 5

I. Latvija.

1. Ģeografiskais stāvoklis, iedzīvotāji un kultūra. 6

II. Politiskā attistība.

1. Senlatvju politiskā un sociālā iekārta, tiesību sistema un starptautiskās attiecības. 9
2. Nacionalās idējas un sociālās diferenciācijas sākums. 14
   a) Jaunlatvieši. 14
   b) Jaunā Strāva. 18
3. Valsts idejas attīstība un realizēšana. 22
4. Militārā cīņa par Latvijas atbrīvošanu. 26
5. Pirmie diplomatiski soļi. 39
6. Latvijas atzīšanas de-facto un de-jure. 42
7. Uzņemšana Tautu Savienībā. 45
8. Latvijas parlamentarisma sākums. (Nacionalā Padome, Tautas Padome un Satversmes Sapulce). 48
9. Saeima un iekšpolitika. 52
10. Latvijas republikas Satversme. 57
11. Ārpolitika. 61
12. Tirdzniecības līgumi. 65
13. Baltijas valšķu savienības problemā. 67
14. Latvijas diblomatiskais un konsularais korpus. 70
15. Arzemju diplomatiskais un konsularais korpus Latvijā. 72
16. Latvijas prese. 73
17. Minoritātu tiesības un žīdu minoritāte. 75

III. Saimnieciskā attīstība.

1. Lauksaimniecība un agrarā reforma. 77
2. Rūpniecība. 78
3. Tirdzniecība. 79
4. Finances. 79

# 3. האַנדל.

אין לעטלאַנד עקסיסטירט, ווי באַוואוסט, פרייער האַנדל און פרייע קאָנקורענץ. מלוכה=מאָנאָפּאָלן זיינען איינגעפירט נאָר אַף פלאַקס און אַף ספּירט. די סטאַביליטעט פון האַנדל ווערט אונטערשטיצט מיטן סטאַבילן צאָל,טאַריף. די סוחרים זיינען אָרגאַניזירט אין אייגענע פאַראיינען, בערזן=קאָמיטעטן, פאַרבאַנדן און באַנקן. א באַדייטונג פארן אינערן=האַנדל האָבן די לעטישע יאָר=מערק.

דער אויסערן=האַנדל שפּילט אין לעטלאַנד א גרעסערע ראָלע ווי דער אינערן=האנדל. דער אויסערן=האַנדל איז אָבער אין די לעצטע יאָרן, אויך אזוי ווי אין אנדערע לענדער, באַאיינפלוסט געוואָרן דורכן אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס.

פאָלגנדע טאַבעלע ווייזט אונז ווי עס האָט זיך באַוועגט דער אימפּאָרט און עקספּאָרט אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

| | אימפּאָרט | עקספּאָרט | בילאַנץ |
|---|---|---|---|
| | מיליאָנען לאַט. | מיל. לאַט. | מיל. לאַט. |
| 1929 . . . | 362,1 | 273,9 | — 90,8 |
| 1930 . . . | 296,3 | 247,9 | — 48,4 |
| 1931 . . . | 177,1 | 163,8 | — 13,3 |
| 1932 . . . | 84,6 | 96,5 | + 11,8 |
| 1933 (8 חדשים) | 62,7 | 62,4 | — 0,3 |
| 1932 (8 חדשים) | 59,0 | 75,4 | + 16,4 |

אַף אַזאַ אופן איז פון 1929 ביז 1932 יאָר דער אימפּאָרט געפאַלן אַף 277,5 מיליאָן לאַט אָדער 76,6 פּראָצ. און דער עקספּאָרט אַף 177,4 מיל. לאַט אָדער 64,7 פּראָצענט. לעטלאַנדס האַנדלס=בילאַנץ האָט זיך אין די קריזיס=יאָרן אַקטיוויזירט און דערפאַר איז דער אימפּערט געפאַלן שטאַרקער פאַרן עקספּאָרט. די באַשריינקונג פון אימ=פּאָרט האָט אומדירעקט מיטגעהאָלפן צו דער באַלעבונג פון עטלעכע אינדוסטרי=צווייגן (טעקסטיל=אינדוסטרי, לעדער=אינדוסטרי א. א.) און אויך צו דער פאַרגרעסערונג פון דעם פאַרזיי=שטח.

# 4. פינאַנסן.

ביז 1926 יאָר האָט זיך דער ק ר ע ד י ט = װ ע ז ן אין לעטלאַנד געפונען אין אַ ניט רעגולירטן צושטאַנד. די הלואה=צינזן זיינען געווען אומבאַגרעניצט און האָבן אויסגע=מאַכט 20 — 15 פּראָצענט. אזוי ווי דאָס איז געווען זייער אומגינסטיק פאַרן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, האָט די רעגירונג געמוזט אַף אַ געזעצלעכן אופן רעגולירן די צינז=נאָרמען. די העכסטע פּראָצענט=נאָרמע איז היינט אין פּריוואַטן=פאַרקער 10 פּראָצ., דער דיסקאָנט=זאַץ פון לאַטוויאַס באַנקאַ (לעטל. מלוכה=באַנק) איז 6 פּראָצענט. די מלוכה העלפט אויך מיט דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטרי, שיפפאַרט און אַנדערע ווירטשאַפטס=צווייגן דורכן ארויס=געבן קרעדיטן אַף נידעריקע צינזן און מיט גינסטיקע צוריקצאָלונגס=באַדינגונגען. אין א גרויסער מאָס ווערט אונטערשטיצט די לאַנדווירטשאַפט דורכן מלוכהשן אַגראַר=באַנק און טיילווייז אויך דורכן היפּאָטעקן=באַנק.

דער מ ל ו כ ה = ב ו ד ז ש ע ט, וועלכער באַטרעפט בא 160 מיליאָן לאַט, האָט אין נאָרמאַלע יאָרן א איבערשוס ביז 10 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער בודזשעט=סומע.

# 2. אינדוסטריע.

דאָס פעלן פון רוי־שטאָפן שטערט דער אנטוויקלונג פון דער לעטלענדישער אינדוסטרי. דאָך קען מען אָנווייזן, אז אדאנק די הויך־קוואליפיצירטע לעטלענדישע ארבעטער האָט זיך די אינדוסטרי באדייטנד אנטוויקלט.

די צאָל אינדוסטרי־אונטערנעמונגען און אָנגעשטעלטע ווייזט אונז פאָלגנדע טאבעלע:

| יאָר | צאָל פון די אונטערנעמונגען | צאָל פון די אָנגעשטעלטע |
|---|---|---|
| 1928 | 2.887 | 67.098 |
| 1929 | 2.948 | 71.736 |
| 1930 | 3.013 | 72.100 |
| 1931 | 3.032 | 66.304 |

פון דער אלגעמיינער צאָל אָנגעשטעלטע זיינען—ארבעטער: 1928 — 57,818, 1929 — 62.371 און 1930 — 62.581.

דעם ווערט פון די פארארבעטע רוי־שטאָפן און דעם פראָדוקציאָנס־ווערט ווייזט פאָלגנדע טאבעלע:

| | ווערט פון די פארארבעטע רוי־שטאָפן (אין לאטן) | פראָדוקציאָנס־ווערט (אין לאטן) |
|---|---|---|
| 1928 | 201.187.000 | 392.049.000 |
| 1929 | 241.681.000 | 446.865.000 |
| 1930 | 230.719.000 | 443.453.000 |

דער עקספאָרט פון פארטיקע פאבריקאטן איז פאר די לעצטע צען יאָר שטארק געשטיגן, אָבער דער ווערט פון די עקספאָרטירטע פאבריקאטן איז אין די לעצטע צוויי יאָר געפאלן צוליב דער אָפּשוואכונג פון די פרייזן אפן וועלט־מארק.

די אינטענסיווע אנטוויקלונג ווייזן ארויס די אינדוסטרי־צווייגן, וועלכע בּארבּעטן אייגענע רוי־שטאָפן. דאָס זיינען: די האָלץ־ און פאפיר־אינדוסטרי, די לעבּנסמיטל־ און גענוס־אינדוסטרי, באזונדערס די צוקער־אינדוסטרי, ספירט־, ליקער־, פרוכט־בּארבּעטונגס־אינדוסטריען און עטלעכע אנדערע. דערנאָך קומט די ציגל־ און צעמענט־אינדוסטרי, די סופערפאָספאט־אינדוסטרי, די קעראמישע אינדוסטרי, שוועבּעלעך־אינדוסטרי א.א.

אַנטוויקלט האָבּן זיך אויך געוויסע אינדוסטרי־צווייגן, וועלכע בּארבּעטן אויסלענדישע רוי־שטאָפן: די כעמישע־, טעקסטיל־ און מעטאל־אינדוסטרי. גאנץ בּאדייטנד שאפט פארן עקספאָרט די גומיע־אינדוסטרי, וואגאָנען־אינדוסטרי (אין 1932 יאָר—עקספאָרטירט פאר 15,8 מיליאָן לאט), וועלטסיפּעדן־אינדוסטרי (אין 1932 יאָר ארויסגעפירט פאר 2 מיליאָן לאט) א. א. א גרויסע ראָלע שפּילט אויך די אויסארבּעטונג פון לאנדווירט־שאפטלעכע־ און אינדוסטרי־מאשינעס.

אין די קריזיס־יאָרן האָט די לעטלענדישע אינדוסטרי גענומען שאפן אויך אזעלכע סחורות, וואָס מען פלעגט פריער אריינפירן פון אויסלאנד. אף אזא אופן געלינגט דער אינדוסטרי לייכטער דורכצומאכן די קריזיס־צייטן און שאפן זיך א בּאָדן פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג.

# עקאנאמישע אנטוויקלונג.

## 1. לאַנדווירטשאַפט און אגראַר־רעפאָרם.

די לאַנדווירטשאַפט איז דער יסוד פון לעטלאַנדס ווירטשאַפטלעכן לעבן, און אין איר זיינען באַשעפטיקט 68 פראָצ. פון לעטלאַנדס איינוואוינער.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די לאַנדווירטשאַפט שטאַרק אנטוויקלט אדאַנק דער אגראַר-רעפאָרם, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אפן סמך פון געזעץ פון 16 סעפטעמבער 1920. פאַר דער אגראַר-רעפאָרם האָט געהערט צו די גרויסע גרונד־באַזיצער 48 פראָצ. פון גאַנצן באָדן (אן ערך 3 מיליאָן העקטאר), און צו דער מלוכה 10 פראָצ. איצטער זיינען אָבער געשאַפן געוואָרן 60,662 ניי־ווירטשאַפטן, פאַר וועמעס אופבוי די מלוכה גיט אוים יעדער יאָר ביז 20 מיליאָן לאַט אין באַרע געלט און אין בוי־האָלץ.

די לאַנדווירטשאַפט אין אומאָפהיינגיקן לעטלאַנד פראָגרעסירט אף אלע געביטן. אזוי למשל, האָט די תבואה־גערעטעניש באַטראָפן אין 1927 יאָר 2.588.000 קווינטאַל קאָרן, 717.000 קוו. ווייצן און 7.174.000 קוו. קאַרטאָפל, אָבער אין 1932 2.969.200 קוו. קאָרן, 1.045.100 קוו. ווייצן און 11.670.300 קוו. קאַרטאָפל. כדי צו באַשריינקן דעם אימפאָרט פון אויסלענדישע תבואה איז, אָנהויבנדיק פון 15 יוני 1932 איינגעפירט געוואָרן א מלוכהשער מאָנאָפאָל פון תבואה־אימפאָרט.

אויך עקסיסטירט אין לעטלאַנד א מלוכהשער פלאַקס־מאָנאָפאָל. צווישן די פלאַקס־פראָדוצירער, פאַרנעמט לעטלאַנד דעם צווייטן אָרט אין איראָפע. לעטלאַנד געהערט צו די נאַטירלעכע סעלעקציאָנס־געביטן פאַר פלאַקס און עקספּאָרטירט קיין מערב־איראָפע אויסער פלאַקס אויך ערשטקלאַסיקע ליינזאַט.

שטאַרק אנטוויקלט האָט זיך די פי־צוכט און מילך־ווירטשאַפט. אין 1920 יאָר זיינען געווען 768.000 רינדער, אָבער אין 1932 יאָר — 1,153,100. מעלקערייען זיינען געווען אין 1921 יאָר בלויז 21, אָבער אין 1932 יאָר — 792. מאוימדיק געוואַקסן איז די פראָדוקציע און עקספּאָרט פון פוטער. פאַר די לעצטע 10 יאָר איז אָנגעמעלדעט געוואָרן צום עקספּאָרט דער פאָלגנדער קוואַנטום פוטער:

| | |
|---|---|
| 1923 — 2.968 ט. | 1928 — 13.124 ט. |
| 1924 — 3.820 ט. | 1929 — 15.638 ט. |
| 1925 — 7.276 ט. | 1930 — 19.075 ט. |
| 1926 — 10.299 ט. | 1931 — 20.030 ט. |
| 1927 — 10.976 ט. | 1932 — 20.072 ט. |

א זייער גרויסע באַדייטונג האָט די לעטלענדישע וואַלד־ווירטשאַפט. לעטלאַנד עקספּאָרטירט יעדער יאָר פאַר 80—90 מיליאָן לאַט האָלץ־מאַטעריאַלן און חוץ דעם, אויך האָלץ־פאַבריקאַטן און האַלב־פאַבריקאַטן (ברעטער, פאַפ, פאַפיר, צעלולאָזע א. א. וו.) אינגאַנצן מאַכט אוים דער ארויספיר פון האָלץ־מאַטעריאַלן, האַלב־און פאַרטיקע פאַבריקאַטן 40 פראָצ. פון גאַנצן לעטלענדישן עקספּאָרט.

לעטלאַנד עקספּאָרטירט אויך בעקאָן, פעל, לעבעדיקע קי, פרוכטן, יאַגדעס א.א.וו. די הויפּט עקספּאָרט־פראָדוקטן זיינען אָבער: פוטער, האָלץ און פלאַקס.

עס עקסיסטירט אין ריגע אויך א אידישער מיעוטים=טעאטער, א אידישער ארבעטער=טעאטער און טעאטער=סטודיעס.

אויך האָבן מיר א פאַרצווייגטע אידישע פרעסע: די טעגלעכע צייטונגען „פרי=מאָרגן" (רעד. וו. לאַצקי=בערטאָלדי און דר. י. העלמאַן), „אָוונט=פּאָסט" (רעד. ד"ר י. האָפמאַן) און „באַטאָג" (רעד. ג. מאָווישאָוויטש=גערץ), און די וואָכנבלעטער „נייער פרייטיק" (רעד. ת. עדות), דער אגודיסטישער וואָכן=צייטונג „אונזער שטימע", די אלגעמיין=ציוניסטישע „אונזער לאַנד", די בונדיסטישע „נייע צייט" און די עקסטרעם=לינקע „מאָרגן". אויסערדעם דערשיינט אין ליבוי די וואָכן=צייטונג „ליבויער פאָלקסבלאַט" אונטער דער רעדאַקציע פון צ. ראַבי=נאָוויטש (צה"ר).

די אידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן זיינען אָרגאַניזירט אין דעם ליטעראַטן=פאַריין „אלף" (פאָרזיצער וו. לאַצקי=בערטאָלדי). די קינסטלער זיינען אָרגאַניזירט אין „לעט=לענדישן אידישן קינסטלער=פאַרבאַנד".

זייער אנטוויקלט איז אויך דער אידישער פאראיין=וועזן. גרויס איז די צאָל פון די פארשיידענע אידישע הילפס=פאַראיינען.

זייער באַדייטנד איז דער אידישער אָנטייל אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לעטלאַנד. די אידן זיינען פארטראָטן אין האַנדל — 40,71 פראָצ., אין פרייע פראָפע=סיעס — 13,11 פראָצ., אין אינדוסטריע -- 11 פראָצ., אין טראַנספּאָרט — 4 פראָצ., אין מלוכה=דינסט — 0,5 פראָצ. און אין ארמיי — 2,7 פראָצענט. עס איז כדאי צו באמערקן, אז עס זיינען דאָ געוויסע אינדוסטרי=צווייגן, וואס ליגן כמעט אינגאַנצן אין אידישע הענט, למשל, טעקסטיל=אינדוסטרי, קאָנסערוון=אינדוסטרי, האָלץ=אינדוסטרי א. א. אויך אין באַנק=וועזן נעמען אידן א גרויסן אָנטייל. דער שטאַרקער צופלוס פון אויסלענדישע אידישע קאַפּיטאַלן האָט אין די ערשטע יאָרן פון לעטלאַנדס עקסיסטענץ זייער פיל מיט=מיטגעהאָלפן צו סטאַביליזירן די לעטישע וואַליוטע. לעטלאַנדס עקאָנאָמיק האָט זייער פיל צו פאַרדאַנקען דער אידישער געשעפטס=געניטקייט, אידישע קאַפּיטאַלן און אונטערנעמונגס=גייסט.

אויך אין פּאָליטישן לעבן שפּילן די אידן א וויכטיקע ראָלע. די אידן זיינען פארטראָטן מיט 3 דעפּוטאַטן אין סיים (מרדכי דובין, ראַבינער מרדכי נוראָק און שמעון וויטנבערג) און האָבן א געהעריקע פארטרעטערשאַפט אויך אין די שטאָטישע זעלבסט=פארוואַלטונגען. אין לעטלאַנד עקסיסטירן אויך אידישע קהלות, וועלכע זיינען אבער ניט לעגאַליזירט. די אידן האָבן בכלל ניט קיין צענטראַלן אָרגאַן, וועלכע זאָל קענען ריידן אין נאָמען פון גאַנצן אידישן ישוב. די לעטלענדישע דייטשן פארמאָגן יאָ אַזאַ אווטאָריטעטע קערפּערשאַפט. אויך די פּרוּוון צו שאַפן א צענטראַלן קהלות=פאַרבאַנד האָבן זיך ניט איינגעגעבן.

אין אלגעמיין איז די לאַגע פון די אידן אין לעטלאַנד לעת=עתה ניט קיין שלעכטע און מען דאַרף האָפן, אז אין דער צוקונפט וועט דער מצב פון די יידן אין אונזער לאַנד זיך ניט פארערגערן, אָבער וועט זיך נאָך פאַרבעסערן.

# 17. מינאָריטעטן־רעכט און די אידישע מינדערהייט.

ווי באַוואוסט, איז די מינדערהייטן־פראַגע אין לעטלאַנד געלייזט געוואָרן אף אזא אופן, וואָס קען דינען אלס מוסטער פאַר פיל אנדערע לענדער.

אין דעם זעלבן טאָג ווען דער פאָלקס־ראַט האט אף זיין ערשטער זיצונג, דעם 17־טן נאָוועמבער 1918, באַשלאָסן צו גרינדן די לעטלענדישע רעפּובליק, האָט ער אויך אָנגענומען זיין „פּאָליטישע פּלאַטפאָרם“, וואו דער פירטער פּאַראַגראַף רעדט וועגן די רעכטן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיך צו באַטייליקן אין דער געזעצגעבונג און אין דער רעגירונג, ווי אויך וועגן דעם, אז די קולטורעלע און נאַציאָנאַלע רעכטן פון די נאַציאָנאַלע גרופּן דאַרפן געזיכערט ווערן דורך די גרונט־געזעצן.

א הוספה צו אָט די מינאָריטעטן־רעכטן געפינען מיר אין דעם געזעץ פון 4־טן דעצעמבער 1918 וועגן וואלן אין די קאָמונאַלע און לאַנדישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, וואו עס ווערט געזאָגט, אז אין די וואַלן האָבן רעכט אָנטיילצונעמען אלע פולבארעכטיקטע בירגער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיאָן. דער וואַל־געזעץ פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט אויך באַשטעטיקט די רעכטן פון די מינדערהייטן צו זיין פּראָפּאָרציאָנעל פאַרטראָטן אין די געזעצגעבערישע אינסטאַנצן.

די הויפּט־באַדייטונג האָט אָבער דער געזעץ וועגן שול־אויטאָנאָמיע, וואָס דער פאָלקס־ראַט האָט אָנגענומען דעם 8־טן דעצעמבער 1919. לויט אָט דעם געזעץ, האָבן די מיעוטים באַקומען רעכט פון א ברייטער קולטור־אויטאָנאָמיע, רעכט צו גרינדן שולן מיט דער אייגענער, נאַציאָנאַלער לימודים־שפּראַך, וואָס די מלוכה און שטאָט־פאַרוואַלטונגען מוזן אויסהאַלטן אף זייער חשבון. כדי צו פאַרוואַלטן מיט די בילדונגס־ענינים פון די מיעוטים, זיינען געשאַפן געוואָרן באַזונדערע מיעוטים־בילדונגס־פאַרוואַלטונגען באַם בילדונגס־מיניסטעריום.

אויך מיר, אידן, געניסן אין לעטלאַנד פּונקט ווי אלע אנדערע מיעוטים די רעכטן פון קולטור־אויטאָנאָמיע, צוליב וועלכער מיר האָבן היינט אין לעטלאַנד אזא פאַרצווייגטע נעץ פון גוט אָרגאַניזירטע שולן און אויך פיל אנדערע קולטור־מוסדות, וואָס האַלטן זיך אין איין אנטוויקלען.

א געוויסן באַגריף וועגן דעם פאַרנעם פון אידישן שול־וועזן אין לעטלאַנד גיט פאָלגנדע טאַבעלע:

| | גרונטשולן. | מיטלשולן. | האַנטווערקער־שולן. |
|---|---|---|---|
| צאָל שולן | 98 | 18 | 4 |
| צאָל לערער | 742 | 286 | 37 |
| צאָל שילער | 11,920 | 1882 | 294 |

עס זיינען פאַראַן ניט נאָר אידישע און העברייאישע גרונט־און מיטל־שולן, וואָס גיבן אן אלגעמיינע אויסבילדונג, אָבער עס זיינען אויך פאַראַן פאַרשיידענע אידישע פאַך־שולן, א פאָלקס־אוניווערסיטעט, קורסן, אָוונט־גימנאַזיעס, לערער־אינסטיטוטן, א ישיבה א. א. וו.

אונטער דער רעדאַקציע פון פּ. מעלראיט. „Pēdējā Brīdī“ („אין לעצטן מאָמענט״) איז אַ רעכטע צייטונג, וואָס שטייט ניט דירעקט אונטער קיין פּאַרטיי. דער הויפּט=רעדאַקטאָר איז אָ. ליעפּינש. די רעגירונגס=צייטונג איז „Valdības Vēstnesis“ („רעגירונגס=אָנצייגער״) אונטער דער רעדאַקציע פון א. מאטים. „Latvijas Kareivis“ („דער לעטישער סאָל=דאַט״) איז די ארמיי=צייטונג, וועלכע דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון פּאָלקאָווניק=לייטענאַנט פּלענסנער.

פון די לעטישע וואָכן=בלעטער איז כדאי צו דערמאָנען דעם אָרגאַן פון דער ניי=ווירטן פּאַרטיי „Latvija“ אונטער דער רעדאַקציע פון באַנקאָווס און דעם פּאַרטיי=אָרגאַן פון דעמאָקראַטישן צענטער „Centra Balss“. דער אָרגאַן פון דער „פּראָסגרעסיווער פּאַראייניקונג״ איז „Latviešu Balss“ (רעד. פּרוי מ. סאַלנאַים).

פיל צייטונגען דערשיינען אויך אין פּראָווינץ. אויך דערשיינען א גאַנצע ריי לעטישע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן, ווי למשל, די מאָנאַט=שריפטן „Daugava“ („די דווינע״), „Piesaule“, „Domas“ א. א.

אויך די מעוטים פּרעסע איז זייער אַנטוויקלט. עס דערשיינען אין רוסיש די גרויסע צייטונג „Сегодня“ („היינט״) אונטער דער רעדאַקציע פון מ. האַנפּמאַן מיט דער נאָכמיטיק=אויסגאַבע „Сегодня Вечером“ (רעד. ב. ארעטשקין). אין דייטש דערשיינט די „Rigascha Rundschau“ ווי אויך דער וואָכנבלאַט „Riga am Sonntag“ און די צייטונג „Europa Ost“ אונטער רעדאַקציע פון דר. לאַכמאַן, וועלכער באַקעמפט דעם נאַציאָנאַל=סאָציאַליזם.

אין אידיש דערשיינען די טעגלעכע צייטונגען „פרימאָרגן״ (רעד. וו. לאַצקי=בערטאָלדי און דר. י. העלמאַן), „אָוונט=פּאָסט״ (רעד. דר. י. האָפמאַן), „באַטאָג״ (רעד. מ. גערץ=מאָווישאָוויטש) און די וואָכנבלעטער „נייער פרייטיק״ (רעד. ת. עדות), „נייע צייט״ (בונדיסטישער) און „ליבויער פאָלקסבלאַט״.

די לעטלענדישע זשורנאַליסטן זיינען פאַראייניקט אין „פאַראיין פון זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער“ און „לעטלאַנדם פּרעסע = פאַרבאַנד“. די לעטלענדישע טעלעגראַף=אַגענטור „לעטאַ״ אונטער דער אָנפירונג פון דירעקטאָר ר. בערזינש שטעלט צו דער פּרעסע פאַרשיידענע ידיעות.

די פּרעסע=אָפּטיילונג פון אויסערן=מיניסטעריום אינפאָרמירט וועגן לעטלאַנד אין אויסלאַנד. דער שעף פון דער פּרעסע=אָפּטיילונג איז י. סעסקים. פּרעסע = רעפערענט פון אויסערן=מיניסטעריום איז יצחק מאָריין.

# 16. פּרעסע.

איינע פון די שטאַרקסטע פאַקטאָרן אין לעטלאַנדס געזעלשאַפטלעכן לעבן איז די לעטלענדישע פּרעסע. לויטן פּרעסע-געזעץ איז די פּרעסע פריי און אומאָפּהיינגיק. קיין צענזור איז נישטאָ. אדמיניסטראַטיווי קענען צייטונגען ניט פאַרבאָטן ווערן און נאָר דער געריכט מוז אורטיילן וועגן אָנקלאַגעס קעגן דער פּרעסע.

די ערשטע לעטישע צייטונג „Latweeschu awises" איז דערשינען אין 1822 יאָר.

די פאַרשפּרייטסטע לעטישע צייטונג אין היינטיקן לעטלאַנד איז די דעמאָקראַטישע „Jaunākās Ziņas" (נייסטע ידיעות). דער הויפּט-רעדאַקטאָר איז אַנטאָן בעניאַמינש. די צייטונג שרייבט אונטער ע. אַרניס, וועלכער פירט אויך דעם וואָכן-זשורנאַל „Atpūta"



י. סעסקיס,
פּרעסע-שעף פון אויסערן-מיניסטעריום,
געוו. געזאנדטער אין מאָסקווע.

(„אָפּרו"), וואָס ווערט ארויסגעגעבן פון דעם זעלבן פאַרלאַג. די צייטונג פון פּויערים-בונד איז „Brīvā Zeme" („די פרייע לאַנד") אונטער דער רעדאַקציע פון י. דרוווא. „Latvis" איז די צייטונג פון די לעטישע נאַציאָנאַליסטן. דער שעף-רעדאַקטאָר איז אַרוועד בערג. דער אָרגאַן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פאַרטיי איז „Socialdemokrats"

# 15. דער אויסלענדישער דיפּלאָמאַטישער און קאָנסולאַרער קאָרפּוס אין לעטלאַנד.

גלייך נאָך לעטלאַנדס פּראָקלאַמירונג איז אין 1918 יאָר געקומען דער ערשטער אויסלענדישער דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער, דער באַפולמעכטיקטער פון דייטשלאַנד ווינינג. נאָכן אונטערשרייבן פון וואָפנשטילשטאַנד זיינען אויך געקומען פראַנצויזישע, ענגלישע און אמעריקאַנער רעגירונגס־אַגענטן. אויך די שכנישע מלוכות פּוילן, עסטלאַנד, פינלאַנד און ליטע האָבן גלייך צוגעשיקט קיין לעטלאַנד זייערע געזאַנדטע. דער ערשטער ליטווישער געזאַנדטער אין לעטלאַנד איז געווען דער איצטיקער אויסערן־מיניסטער דר. זאַוניאוס.

נאָך דער אָנערקענונג דע־יורע אין 1921 יאָר, האָבן פיל מלוכות געגרינדעט אין לעטלאַנד שטענדיקע פאַרטרעטונגען. אלס ערשטע מלוכה קומט איטאַליען, וועמעס געזאַנדטער מאַכיאַראָ וויוואַלבאַ, האָט זיך אלס ערשטער אקרעדיטירט באַם לעטלענדישן מלוכה־ראש, און איז אף אזא אופן געוואָרן דער דאָיען פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. היינט איז דער דאָיען פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אין לעטלאַנד דער פאַרטרעטער פון פּויפּסט נונציאוס א. צעכיני.

אין לעטלאַנד זיינען איצט (צום 15־טן נאָוועמבער 1933) אקרעדיטירט 23 געזאַנדטע און עס זיינען טעטיק אין ריגע 23 קאָנסולאַטן (7 קאַריערע קאָנסולאַטן און 16 ערן־קאָנסולאַטן). דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס באַשטייט פון מער ווי 100 פּערזאָנען.

פון די אקרעדיטירטע געזאַנדטע האָבן 18 זייער פּערמאַנענטן רעזידענץ אין ריגע, אָבער 5 וואוינען אין אנדערע לענדער, און קומען קיין ריגע נאָר פון צייט צו צייט. דאָס זיינען די געזאַנדטע פון האָלאַנד, עסטרייך, בולגאַריען, אונגאַרן און פּאָרטוגאַל, וועלכע זיינען אקרעדיטירט אויך אין לעטלאַנד, אָבער וואוינען שטענדיק אין קאָפּענהאַגן, וואַרשע און העלסינגפאָרס.

מערערע מלוכות האָבן געזאַנדשאַפטן ספּעציעל פאַר לעטלאַנד, למשל פּוילן, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, איטאַליען, פראַנקרייך, אנדערע ווידער האָבן אין ריגע זייער געזאַנדשאַפטן פאַר מערערע באַלטישע מלוכות, למשל אמעריקע, ענגלאַנד, שוועדן, ספּאַניען א. א

אַ גענויעם איבערבליק איבער דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס אין לעטלאַנד גיט די אויסגאַבע פון אויסערן־מיניסטעריום Liste du Corps diplomatique à Riga פון וועלכער עס זיינען שוין ארויסגעגאַנגען 19 אויפלאַגעס. גענויע ידיעות וועגן דעם קאָנסולאַרן קאָרפּוס גיט די אויסגאַבע Liste du Corps Consulaire á Riga פון וועלכער עס זיינען ביז איצט ארויסגעגאַנגען 3 נומערן.

אדמיניסטראטיווער און פּראָטאָקאָל-אָפּטיילונג, וועלכע פּארטיקט אויך אויס די אקרעדיטיוון און פּאטענטן.

די געזאנדטע ווערן באשטימט פון מלוכה-פּרעזידענט, ווען דער אויסערן-מיניסטער לייגט פאָר בהסכם מיט דער אויסערן-קאָמיסיע פון סיים א אָנטשפּרעכנדן קאנדידאט. די גענעראל-קאָנסולן און קאָנסולן ווערן באשטימט פון מיניסטאָרן-קאבינעט און זייערע פולמאכטן שרייבט אונטער דער מיניסטער-פּרעזידענט און דער אויסערן-מיניסטער און אין באזונדערע פארויסגעזעענע פאלן אויך דער מלוכה פּרעזידענט.

דער לעטלענדישער געזעץ וועגן דיפּלאָמאטיש-קאָנסולארן דינסט, וואָס איז ארויסגעגעבן אין 1923 יאָר, שטייט אין איינקלאנג מיטן „ווינער פּראָטאָקאָל" און לויט אים



דר. א. בילמאַן.

לעטלאנדס געזאנדטער אין מאָסקווע, געוועז. פּרעסע-שעף.

טיילן זיך די באאמטע פון אויסערן-מיניסטעריום לויט דער ראנג-אָרדנונג אין פארשיידענע גראדן: באפולמעכטיקטער מיניסטער, ראט, סעקרעטאר, אטאשע א. א. וו.

אין 1925 יאָר איז ארויסגעגעבן געוואָרן א קאָנסולארער רעגלאמענט, וואָס איז צוגעפּאסט צו די אייגנארטיקייטן פון לעטלאנדס קאָנסולארן דינסט.

פון צייט צו צייט פירט דורך דער אויסערן-מיניסטעריום א אינספּעקציע פון די פארשטייערשאפטן און באקענט זיך נעענטער מיט זייער טעטיקייט.

# 14. לעטלאַנדס דיפּלאָמאַטישער און קאָנסולארער קאָרפּוס.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון לעטלאנדס עקסיסטענץ זיינען געשיקט געוואָרן קיין אויסלאנד דעלעגאַציעס, קאָמיסיעס און אנדערע ארטן פארטרעטער, וועלכע האָבן אָבער נאָך ניט געהאַט קיין דיפּלאָמאַטישע רעכטן און האָבן צוזאמען ניט געבילדעט קיין דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, ווייל לעטלאנד איז נאָך ניט געווען אָנערקענט דע-יורע.

דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס אנטשטייט איינצייטיק מיט דער יורידישער אָנערקענונג פון לעטלאנד דעם 26-טן יאַנוואַר 1921. פון אָט דעם טאָג הויבן אָן די לעטלענדישע דיפּלאָמאַטישע פארטרעטער זיך רעגלמעסיק צו אַקרעדיטירן און די פארטרעטער הויבן אָן צו באקומען זייער עקסעקוואטור (Exequatur). נאָך דער דע-יורע אָנערקענונג זיינען די דעלעגאַציעס פארוואנדלט געוואָרן אין געזאַנדשאַפטן און עס זיינען אויך געגרינדעט געווארן א גאנצע ריי קאָנסולאַטן.

היינט צו טאָג (צום 15-טן נאָוועמבער 1933) האָט לעטלאנד 12 ג ע ז א נ ד-ש א פ ט ן (אין בריסעל, העלסינגפאָרס, קאָוונע, בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז, מאָסקווע, רוים, סטאָקהאָלם, טאַלין, ווארשע, פּראג), 1 שטענדיקע ד ע ל ע ג א צ י ע באַם פ ע ל ק ע ר-ב ו נ ד (זשענעווע), 4 ג ע נ ע ר א ל-ק אָ נ ס ו ל א ט ן (ניו-יאָרק, ריאָ-דע-זשאַנעיראָ, דאַנציג, בערן) און 6 ק אָ נ ס ו ל אַ ט ן (אין וואלק, קלאַיפּעדא, שאַוול, לענינגראַד, האַמבורג, קעניגסבערג). דאָס זיינען אַלץ קאַריערע-פארטרעטונגען. אויסער דעם האָט לעטלאַנד די פאָלגנדע צאָל ערן-פארטרעטונגען: 8 גענעראַל-קאָנסולאַטן, 102 קאָנסולאַטן און 76 וויצע-קאָנסולאַטן.

אַף אַזאַ אופן האָט לעטלאַנד אינגאַנצן 208 פאַרטרעטונגען, פון וועלכע 22 זיינען קאַריערע-פאָרשטייערשאַפטן און 186 ערן-פאָרשטייערשאַפטן.

עס דאַרף באמערקט ווערן, אז דער לעטלענדישער געזאַנדטער אין בערלין איז אקרעדיטירט אויך אין ווין און האַג, דער געזאַנדער אין פּאַריז איז אקרעדיטירט אויך אין מאדריד און ליסאַבאָן, דער געזאַנדטער אין ווארשע פארטרעט לעטלאַנד אויך אין בוקארעסט און בודאפּעשט, דער געזאַנדטער אין רוים איז גלייכצייטיק דער פארטרעטער אין אנגאָרא, אַטען און סאָפיא, דער געזאַנדטער אין סטאָקהאָלם איז אויך אין קאָפּענהאַגן און אָסלאָ אקרעדיטירט, דער שטענדיקער דעלעגאַט באַם פעלקער-בונד איז גלייכצייטיק געזאַנדטער אין בערן, דער געזאַנדטער אין פּראג איז אַקרעדיטירט אויך אין בעלגראַד.

אויסער די פּאָליטישע און די דיפּלאָמאַטישע ארבעט, מוזן די פּאַרטרעטונגען אויך לייגן פיל אכט אַף דער פארשפּרייטונג פון ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אינפאָרמאַציע. די פּאַרטרעטונגען פארטיידיקן די אינטערעסן פון דער מלוכה און פון איינצלנע בירגער און זאָרגן אויך צו פארברייטערן די האַנדלס-באַציונגען צווישן לעטלאַנד און די אנדערע מלוכות.

מיטן פּאָליטישן דינסט פון די געזאַנדשאַפטן פירט אָן דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון אויסערן-מיניסטעריום. מיטן לעטלענדישן קאָנסולארן דינסט פירט אָן דער ארמיניסטראַטיוו-יורידישער דעפּאַרטאַמענט. דער פּערסאָנאַל-דינסט איז קאָנצענטרירט אין דער

דעם Accord politique צו ראַטיפיצירן, איז ער ניט אַרײַנגעטראָטן אין קראַפט.

אַלס דריטער עטאַפּ דאַרף באַטראַכט װערן די קאָנפערענץ אין טאַלין (אָקטאָבער 1923) װאו עס איז געשלאָסן געװאָרן דעם 1-טן נאָװעמבער 1923 אַ פּאַרטײדיקונגס-בונד צװישן לעטלאַנד און עסטלאַנד, װי אויך אַ צײטװײליקער אָפּמאַך װעגן װירטשאַפטלעכער און צאָל-אוניע.

די לעטלענדיש-עסטנישע אַליאַנס װאָס איז געשאַפן געװאָרן דעם 1-טן נאָװעמבער 1923, װערט מיט רעכט באַטראַכט אַלס דער יסוד פון דעם קומענדיקן באַלטישן מלוכות-בונד. דורך אָט דער אַליאַנס איז געשאַפן געװאָרן אַ באַדײַטנדיקער מאָביליזאַציע-צענטר.

פון די װײַטערדיקע װיכטיקע אָפּמאַכן איז כדאי צו דערמאָנען דעם אַרביטראַזש-אָפּמאַך פון 17-טן יאַנואַר 1925 צװישן לעטלאַנד, פּוילן, פינלאַנד און עסטלאַנד, װי אויך דעם דעפיניטיװן לעטלענדיש-עסטנישן אָפּמאַך פון 5-טן פעברואַר 1927 װעגן אײַנפירן אַ צאָל-אוניע.

בכלל זײַנען די באַציאונגען צװישן די באַלטישע מלוכות זײער פרײַנטלעכע, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע גײען זײ האַנט אין האַנט, װאָס עס איז אויך געװען צו זען אויף די פּלענומס פון פעלקער-בונד, װאו די געמײנזאַמע טריט פון די באַלטישע מלוכות האָבן אין אַ גרויסער מאָס געשטאַרקט זײער השפּעה.

אין לעטלאַנדס אויסערן פּאָליטיק פאַרנעמט די פראַגע װעגן די באַלטישע מלוכות אַ זײער גרויסן אָנזעעװדיקן אָרט. עס איז כדאי אָנצואװײַזן, אַז פאַר די ערשטע צען יאָר פון לעטלאַנדס עקסיסטענץ האָט זי געשלאָסן מיט עסטלאַנד 42 אָפּמאַכן, מיט ליטע 26 אָפּמאַכן, מיט פּוילן — 10, מיט פינלאַנד — 9. עס איז אינטערעסאַנט, אַז לויט דער צאָל אָפּמאַכן, װאָס לעטלאַנד האָט פאַר די ערשטע 10 יאָר געשלאָסן מיט 27 פאַרשידענע מלוכות, גײט עסטלאַנד אויפן ערשטן אָרט און ליטע אויפן צװײטן אָרט. דערבײַ רעכענען מיר ניט די 45 צװישנפעלקערישע קאָנװענצן.

לעטלאַנד איז די גאַנצע צײַט דער פאָנען-טרעגער פון דער אידײ װעגן אַ באַלטישן מלוכות-בונד און דאָס איז קײן װאונדער ניט, װאָרום דורך דער גאַנצער לעטלענדישער אויסערן-פּאָליטיק גײט דורך װי אַ רויטער פאָדים דער שטרעבן צו שלום, דער שטרעבן צו אַ פרידלעכער צוזאַמענאַרבעט, װי מיט די שכנישע, אַזױ אויך מיט די װײַטע פעלקער.

דאָס אילוסטרירט אונז בולט דער אופן פון לעטלאַנדס אַרבעט אין פעלקער-בונד, דאָס ראַטיפיצירן מצד לעטלאַנד די אָפּמאַכן װעגן אינטערנאַציאָנאַלע בוררים-געריכטן, דאָס אָנװענדן אין לעבן אַלע קאָנװענציעס פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס-ביוראָ און ועל כולם, דאָס דערפילן אַלע אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן בנוגע דער פאַרטײדיקונג פון מעוטים-רעכט. עס איז קײן סוד ניט, אַז לעטלאַנד האָט געבנדיק די מעוטים אַ ברײטע נאַציאָנאַל-קולטורעלע אױטאָנאָמיע, אױפן ערלעכסטן אופן פאַרװירקלעכט די מעוטים-רעכט און קען דינען אין דעם פּרט אַלס מוסטער פאַר זײער פיל אַנדערע מלוכות.

װי געזאָגט האָט לעטלאַנד שױן אין יאָר 1920 אַרויסגעװיזן די איניציאַטיװ צונויפצורופן די ערשטע באַלטישע קאָנפערענץ אין בולדורי, און געװיס װעט זי אויך װײַטער אָנװענדן אַלע מיטלען צו רעאַליזירן אַ נעענטערע צוזאַמענאַרבעט פון די באַלטישע לענדער, װיסנדיק, אַז אַזאַ צוזאַמענאַרבעט קען זיכערן דעם עקאָנאָמישן װאױלשטאַנד פון אָט די מלוכות, קען שטאַרקן זײער פּאָליטישן אױטאָריטעט און השפּעה, קען זײ אויפהײבן אויף אַ העכערער קולטורעלער מדרגה.

פינלאנד און ענדיקנדיק מיט פוילן. אף דער קאָנפערענץ איז געגאנגען די רייד וועגן רעאַליזירן די „גרויסע פראָגראַם“ ד. ה. שאפן א באלטישן פינף־מלוכות־בונד. עס זיינען אויסגעאַרבעט געווארן א גאנצע ריי קאָנווענצן אין פּאָליטישע און יורידישע פראגן און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס בנוגע עקאָנאָמישע שאלות. אלע אָנטײלנעמענדיקע מלוכות האָבן דעם 31־טן אווגוסט אונטערגעשריבן א פּאָליטישע קאָנווענץ אבער שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז פּוילן און פינלאנד זאגן זיך אָפּ די קאָנווענץ



ל. סעיאַ,
דירעקטאָר פון אדמיניסטראטיוו־יורידישן
דעפּאַרטאמענט פון אויסערן־מיניסטעריום.

צו ראטיפיצירן. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס פּוילן האָט אין אָקטאָבער 1920 פאַרנומען ווילנע און עס האָט זיך געשאפן א קריגס־צושטאנד צווישן פּוילן און ליטע. אף אזא אופן האָט זיך דער ערשטער פּרואוו אָנגעשטויסן אף מניעות.

דער צווייטער עטאַפּ אין דער פראַגע איז די ווארשעווער קאָנפערענץ (מאַרטש 1922) מיטן אָנטייל פון פיר מלוכות: פינלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד און פּוילן. די אַלע מלוכות האָבן אף דער קאָנפערענץ אונטערשריבן דעם 17־טן מאַרטש 1922 דעם Accrrd de Varsovie אָבער אַזוי ווי פינלאַנד האָט זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט אט

# 13. די פּראָבלעם פון באַלטישן מלוכות=בונד.

עס איז א כלל גדול אין דער וועלט=פּאָליטיק, אז דער קיום פון די באַלטישע מלוכות איז א גרויסער געווינס פאַרן וועלט=שלום. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סטאַביליטעט פון אָט די מלוכות איז א טובה ניט נאָר פאַר זיי גופא, אָבער פאַר די אייראָפּייאישע לענדער בכלל. אָט פאַרוואָס די פירער פון דער וועלט=פּאָליטיק פאלגן נאָך מיט גרויס אינטערעס, ווי עס פורעמען זיך אוים די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די באַלטישע מלוכות.

די דערנענטערונג פון די באַלטישע לענדער העלפן מיט אין א גרויסער מאָס די פּרעסע, דער טעאַטער, די קינסטלער, די געלערנטע, די ברייטע געזעלשאַפטלעכקייט. די הויפּט = ארבעט טוט אָבער די דיפּלאָמאַטיע און עס איז כדאי צו באַטראַכטן דעם אינטערעסאַנטן וועג, איבער וועלכן די דיפּלאָמאַטיע האָט ביז=אהער דערפירט די דערנענטערונגס=אידיי פון די באַלטישע מלוכות.

א געמיינזאַמע פּאָליטישע טעטיקייט האָבן די באַלטישע מלוכות אָנגעהויבן שוין בעת דער העלסינגפאָרסער קאָנפערענץ (יאנוואר 1920) אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען אלע פינף באַלטישע לענדער: פינלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד, ליטע און פּוילן. עס זיינען אף אָט דער קאָנפערענץ דיסקוטירט געוואָרן פאַרשיידענע פּראָבלעמען, אָבער די דעמאָלדיקע מלחמה=פאַרהעלטנישן האָבן געשטערט עטוואס ממשותדיקעס צו רעאַליזירן.

שפּעטער איז ארויסגעטראָטן דער ערשטער לעטלענדישער אויסערן=מיניסטער ז י ג פ ר י ד מ י י ע ר א ו ו י ץ מיט א פּראָיעקט וועגן שאַפן א בונד פון די באַלטישע מלוכות. דער בונד זאָל זיך אויסדריקן אין א שטענדיקער געמיינזאַמער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער צוזאַמענארבעט. עס דאַרפן צוליב דעם צוועק געשלאָסן ווערן א גאַנצער ריי אָפּמאַכן, וועלכע זאָלן רעגולירן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די מיטגלידער פון דעם בונד גופא, וועלכע זאָלן זיי אייניקן אין די ארויסטרעטונגען אין וויכטיקע צווישנפעלקערישע פראַגן און עס זאָל גאַראַנטירט ווערן א קעגנזייטיקע הילף אויב א מיטגליד פון דעם בונד וועט באַדרויט ווערן מצד אן אנדער מלוכה. אפן עקאָנאָמישן געביט דאַרפן די מיטגלידער פון בונד געניסן צווישן זיך גרעסערע רעכט און פאָררעכט, ווי אלע איבעריקע מלוכות, וואָס שטייען מחוץ דעם בונד.

ז. מייעראָוויץ האָט זיך מיטן גאַנצן ברען געוואָרפן צו דער ארבעט און אָנגעווענדעט אלע מיטלען אָט די אידיי צו רעאַליזירן.

דער ערשטער שריט אין דעם פּרט איז די ק א נ פ ע ר ע נ ץ אין ב ו ל ד ו ר י (אווגוסט 1920) מיט דער באַטייליקונג פון אלע 5 באַלטישע מלוכות, אנהויבנדיק מיט

| מלוכה | אונטערגעשריבן | ראטיפיצירט | אריינגעטראָטן אין קראפט |
|---|---|---|---|
| פוילן (פּראָוויזאָריש) | 22.12.1927 | 30.3.1928 | — — |
| עסטלאנד | 25.3.1928 | 30.3.1928 | 16.4.1928 |
| צפון-אמעריקע | 20.4.1928 | 6.6.1928 | 25.7.1928 |
| טערקײ | 28.5.1928 | 21.12.1928 | 17.9.1928 |
| בולגאריען (פּראָוויזאָריש) | 22.6.1928 | 21.12.1929 | 21.1.1929 |
| יוגאָסלאוויען | 18.10.1928 | 17.5.1929 | 1.11.1929 |
| פוילן | 12.2.1929 | 22.3.1929 | — — |
| פּאָרטוגאל (פּראָוויזאָריש) | 15.6.1929 | 18.12.1929 | 27.1.1930 |
| רומעניען | 23.10.1930 | 16.12.1930 | 15.1.1931 |
| ליטע | 24.11.1930 | 16.12.1930 | 15.1.1931 |
| בראזיליען | 21.9.1932 | 23.12.1932 | 7.1.1933 |

דאָ דארף אויך דערמאָנט ווערן די הוספה איינקונג צום ווירטשאפטלעכן אָפּמאַך מיט עסטלאנד, וואָס איז אונטערשריבן געוואָרן דעם 3 יוני 1931 און איז אריינגעטראָטן אין קראפט דעם 21 יולי 1931, ווי אויך דעם פּראָטאָקאָל צו אָט דער איינקונג, וואָס איז אונטערשריבן געוואָרן דעם 14-טן נאָיאבר 1932 און איז אריינגעטראָטן אין קראפט דעם 26-טן יאנוואר 1933.

מיט גרויס-בריטאניען איז דעם 6-טן יולי 1933 אונטערגעשריבן געוואָרן א האנדלס-איינקונג, וועלכע איז אריינגעטראָטן אין קראפט דעם 15-טן יולי 1933.

איצט זיינען שוין אָנגעהויבן געוואָרן אונטערהאנדלונגען וועגן אפשליסן נײַע האנדלס-אָפּמאכן מיט ראטן-רוסלאנד, ליטע און גרויס-בריטאניען.

אף אויסצוארבעטן האנדלס-אפמאכן עקסיסטירט א באזונדערע קאמיסיע, וועלכע באשטייט פון פארלאמענט-מיטגלידער און פארטרעטער פון פאראינטערעסירטע ווירטשאפט-לעכע קרייזן. דער פארזיצער פון אָט דער קאָמיסיע איז דער אויסערן-מיניסטער.

# 12. האַנדלס־אָפּמאַכן.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון איר עקסיסטענץ האָט לעטלאנד גענומען זאָרגן צו רעגולירן די ווירטשאפטלעכע באציאונגען מיט אנדערע לענדער, צו פארברייטערן דעם לעטלענדישן עקספּאָרט, אויפזוכן נייע מערק פאר דער לעטלענדישער פּראָדוקציע, פארלייכטערן דעם שיף־פארט און זיך באוואָרענען מיט גינסטיקע צאָל־באדינגונגען. צו דעם צוועק זיינען געשלאָסן געוואָרן א גאנצע ריי ווירטשאפטלעכע אָפּמאכן מיט פארשיידענע מלוכות.

דעם ערשטן ווירטשאפטלעכן אָפּמאך האָט לעטלאנד געשלאָסן אין 1922 יאָר מיט דער טשעכאָסלאָוואקישער רעפּובליק, דעם צווייטן מיט גרויס־בריטאניען (1923 י.), דעם דריטן מיט עסטלאנד (צייטווייליקער אָפּמאך וועגן א צאָל־אוניע אונטערשריבן אין טאלין דעם 1 נאָיאבר 1923).

א גענויעם איבערבליק איבער די האנדלס־אָפּמאכן, וואָס לעטלאנד האָט געשלאָסן ביז דעם 1 נאָיאבר 1933 גיט אונז פאָלגנדע טאבעלע.

| מלוכה | אונטערגעשריבן | ראטיפיצירט | אריינגעטראָטן אין קראפט |
|---|---|---|---|
| טשעכאָסלאָוואקיען | 7.10.1922 | 21.7.1923 | 9.11.1923 |
| גרויס־בריטאניען | 22.6.1923 | 21.7.1923 | 5.11.1923 |
| אונגארן | 19.11.1923 | 13.2.1925 | 14.4.1925 |
| האָלאנד | 2.7.1924 | 3.4.1925 | 2.10.1925 |
| עסטרייך | 9.8.1924 | 22.3.1927 | 27.7.1927 |
| נאָרוועגן | 14.8.1924 | 31.3.1925 | 10.6.1925 |
| פינלאנד | 23.8.1924 | 31.3.1925 | 9.7.1925 |
| פראנקרייך | 30.10.1924 | 13.2.1925 | 26.2.1925 |
| דענעמארק | 3.11.1924 | 3.4.1925 | 10.5.1925 |
| איסלאנד | 3.11.1924 | 3.4.1925 | 30.1.1926 |
| שווייץ | 4.12.1924 | 3.4.1925 | 2.5.1925 |
| שוועדן | 22.12.1924 | 3.4.1925 | 29.4.1925 |
| יאפּאן | 4.7.1925 | 3.6.1927 | 3.9.1928 |
| בעלגיען | 7.7.1925 | 11.5.1926 | 21.7.1926 |
| איטאליען | 25.7.1925 | 10.12.1926 | 9.2.1927 |
| צפון־אמעריקע (פראָוויז.) | 1.2.1926 | 23.4.1926 | 30.4.1926 |
| דייטשלאנד | 28.6.1926 | 22.10.1926 | 1.12.1923 |
| גריכנלאנד | 25.2.1927 | 10.12.1927 | 16.2.1928 |
| ראטן־רוסלאנד | 2.6.1927 | 29.10.1927 | 5.11.1927 |

עס דארף אויך דערמאָנט ווערן, אַז די וויכטיקסטע מיטארבעטער פון פעלקער=בונד סעקרעטאריאט (גענעראל=סעקרעטאר עריק דרומאָנד, דירעקטאָר פון דער פּאָליטישער סעקציע מאנטו א. א.) האָבן מערערע מאָל באזוכט לעטלאנד. דער פעלקער=בונד האָט אויך פיל מאָל דעלעגירט קיין לעטלאנד זיינע פארטרעטער צו באקענען זיך מיט די לעטלענדישע פארהעלטנישן. בכל אופן איז דער קאָנטאקט צווישן לעטלאנד און דעם פעלקער=בונד א ממשותדיקער און א העפטיקער.

רײדנדיק וועגן לעטלאנד אויסערן=פּאָליטיק, דארף מען זיך אויך אָפּשטעלן אף דער אײנאָרדנונג פון לעטלענדישן אויסערן=מיניסטעריום.

דער לעטלענדישער אויסערן = מיניסטעריום האָט צוויי דעפּארטאמענטן: א פּאָליטיש=ווירטשאפטלעכן און אדמיניסטראטיוו=יורידישן. דער פּאָליטישער דעפּארטאמענט איז אונטערוואָרפן דעם גענעראל=סעקרעטאר פון אויסערן=מיניסטעריום, וועלכער פירט אָן מיטן פּאָליטישן דינסט פון די דיפּלאָמאטישע פארטרעטערס און איז דער נאָענטסטער געהילף פון אויסערן=מיניסטער. פּאָליטישע אָפּטיילונגען זיינען: די מערב=אָפּטיילונג, מזרח=אָפּטיילונג, אָפּטיילונג פאר די באלטישע מלוכות און די פּרעסע=אָפּטיילונג.

מיט דעם קאָנסולארן דינסט פירט אָן דער אדמיניסטראטיוו = יורידישער דעפּארטאמענט מיט זיינע פאָלגנדע אָפּטיילונגען: אדמיניסטראטיווע און פּראָטאָקאָל=אָפּטיילונג, יוריסקאָנסולטאציע, קאָנסולארע אָפּטיילונג, שיפר=אָפּטיילונג, קוריער=אָפּטיילונג, ווירטשאפט= און פינאנס = אָפּטיילונג. בראש פון אדמיניסטראטיוו = יורידישן דעפּארטאמענט שטייט דער דירעקטאָר.

מיט דער אויסערן=פּאָליטיק פירט אָן דער אויסערן=מיניסטער, וועלכער שטייט אין קאָנטאקט מיטן מיניסטאָרן=קאבינעט, מיט דער אויסערן=קאָמיסיע פון סיים און מיטן מלוכה=פּרעזידענט.

לעטלאַנד שטרעבט אויך אויף פאַרשיידענע אופנים צו פאַרפעסטיקן און פאַרטיפערן די פריינטלעכע באַציאונגען מיט אַמעריקע און מיט די מערב-אייראָפּעיִשע מלוכות. צו אָט דעם צוועק ווערן געשלאָסן געהעריקע אָפּמאַכן, עס ווערן אַנטוויקלט די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען, לעטלאַנד נעמט אָנטייל אין פאַרשיידענע קאָנגרעסן און אויסשטעלונגען, קאָמאַנדירט צוליב סטודיען-צוועקן קיין אַמעריקע און מערב-אייראָפּע פּראָפעסאָרן, לערערס, אָפיצערן, ספּעציאַליסטן אויף פאַרשיידענע געביטן א. א. וו. די גרעסטע מערב-אייראָפּעיִשע פּאָליטיקער באַזוכן לעטלאַנד און לעטישע פּאָליטיקער פאָרן אָפט קיין מערב-אייראָפּע. אַזוי למשל, איז אין סעפּטעמבער 1933 עריאָ געווען אין לעטלאַנד. אויך א דעלעגאַציע פון ענגלישע פּאַרלאַמענטאַריער בראש מיט דעפּוטאַט באָסאָם האָט אין אָקטאָבער 1993 באַזוכט לעטלאַנד. מערערע פראַנצויזישע, ענגלישע, שוועדישע און אַנדערע געלערנטע און שריפטשטעלער, וואָס באַזוכן לעטלאַנד שרייבן דערנאָך אָפּהאַנדלונגען און ביכער וועגן אונזער רעפּובליק. אין פּאָליטישן זין האָט לעטלאַנד בכלל פיל געמיינזאַמע אינטערעסן מיט די מערב-אייראָפּעיִשע מלוכות.

זייער אַקטיוו באַטייליקט זיך לעטלאַנד אין דער אַרבעט פון פעלקערבונד, וואו זי איז דעם 22-טן סעפּטעמבער 1922 אויפגענומען געוואָרן פאַר א פולבארעכטיקטן מיטגליד. לעטלאַנד באַטייליקט זיך אין אַלע אַסאַמבלייען פון פעלקער-בונד, ווי אויך אין די וויכטיקסטע קאָמיסיעס, נעמט אָנטייל אין די קאָנפערענצן, וואָס דער פעלקערבונד רופט צוזאַמען און האַלט אויף א שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די אָרגאַנען פון פעלקער-בונד, ווי דורכן שטענדיקן לעטלענדישן פאַרטרעטער אין זשענעווע, אַזוי אויך דירעקט דורכן אויסערן-מיניסטעריום. אין אויסערן-מיניסטעריום איז פאַראַן בא דער מערב-אָפּטיילונג א באַזונדערער אָפּצווייג פאַרן פעלקער-בונד און אין זשענעווע האַלט אויף די לעטישע רעגירונג א שטענדיקע דעלעגאַציע באַם פעלקער-בונד. אין פראַגן פון אַנטוואָפענונג אונטערשטיצט לעטלאַנד די פּרינציפּן, וואָס דינען אַלס יסוד פון דעם זשענעווער פּראָטאָקאָל פון יאָר 1924. אין יאָר 1925 האָט לעטלאַנד אונטערגעשריבן די צווישנפעלקערישע קאָנווענציע וועגן קאָנטראָל איבערן האַנדל מיט געווער, אַמוניציע, קריגס-מאַטעריאַלן ווי אויך דעם פּראָטאָקאָל וועגן פאַרבאָט צו באַנוצן זיך אין קריג מיט שטיקנדע גאַזן און באַקטעריאָלאָגישע מיטלען. אין 1933 יאָר האָט לעטלאַנד זיך באַטייליקט אין דער אַנטוואָפנונגס-קאָנפערענץ, וואו דער לעטל. אויסערן-מיניסטער האָט אין א לענגערע רעדע אויפגעקלערט לעטלאַנדס שטאַנדפּונקט.

לעטלאַנד האַט אויך אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער וועלט-ווירטשאַפט-קאָנפערענץ, אין אַלע ביז-איצטיקע פאַרקערס- און טראַנזיט-קאָנפערענצן, אין מערערע צווישנפעלקערישע קאָנפערענצן פון פּרעסע-עקספּערטן א. א.

אין יולי 1927 איז אין זשענעווע געגרינדעט געוואָרן א צווישנפעלקערישע אוניע צו געבן הילף די פעלקער, וועלכע ליידן אין א קאַטאַסטראָפע. אויך לעטלאַנד האָט אונטערגעשריבן די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנווענץ, וואָס נאָרמירט די גרינדונג פון אָט דער אוניע.

באַם פעלקער-בונד עקסיסטירט א אָרגאַניזאַציע פאַר היגיענע און אין די היגיענע-קאָנפערענצן, וועלכע אָט די אָרגאַניזאַציע האָט צוזאַמענגערופן האָבן זיך באַטייליקט אויך לעטישע פאַרטרעטער.

אין די סך פּעריאָדישע אויסגאַבן פון פעלקער-בונד וועגן פאַרשיידענע פראַגן (מיליטערישער יאָר-בוך, סטאַטיסטישע בילעטענען, באַריכטן וועגן צאָלונגס-בילאַנץ, איבערזיכט וועגן דער באַוועגונג פון קלעפּיקע קראַנקייטן א. א.) ווערן געדרוקט אויך אָנטשפּרעכנדע ידיעות וועגן לעטלאַנד.

געטראָטן אין קראַפט דעם 1 יולי 1928. ווײַזעס זײַנען אויך אָפּגעשאָפן אין פאַרקער מיט איטאַליען און עסטרײַך. ווײַזעס און אויסלענדישע פּעסער זײַנען אָפּגעשאַפן אין פאַרקער מיט עסטלאַנד און פינלאַנד.

לעטלאַנד שטייט אויך אין גוטע באַציאונגען מיט די ווײַטע מזרח=לענדער. אזוי למשל, איז אין 1925 יאָר געשלאָסן געוואָרן אַ פרײַנטשאַפטס=אָפּמאַך מיט טערקיי און אין 1928 יאָר איז געשלאָסן געוואָרן אַ האַנדלס=אָפּמאַך מיט טערקיי.



**וו. מונטערס,**
גענעראַל=סעקרעטאַר פון אויסערן=מיניסטעריום.

מיט אַפגאַניסטאַן איז דעם 18 פעווראַל 1928 אין ריגע געשלאָסן געוואָרן אַ פרײַנטשאַפט=אָפּמאַך, וועלכער איז ראַטיפיצירט געוואָרן דורכן סיים און איז אַרײַנגעטראָטן אין קראַפט דעם 20 יולי 1928.

כאָטש מיט פערסיען זײַנען נאָך קיינע אָפּמאַכן ניט געשלאָסן געוואָרן, אַרבעטן אין לעטלאַנד אפן רעציפּראָציטאַטן יסוד פערסישע קאָנסולאַרע פאָרשטייער.

מיט יאַפּאַן איז אין 1925 יאָר געשלאָסן געוואָרן אין בערלין אַ האַנדלס=און שיפעריי=אָפּמאַך. יאַפּאַן האָט אָנערקענט לעטלאַנד דע=יורע דעם 26 יאַנואַר 1921.

אויך מיט כינע וועלן איינגיכן אף אַ געהעריקן אופן רעגולירט ווערן די דיפּלאָמאַטישע און האַנדלס=באַציאונגען. כינע האָט אָנערקענט לעטלאַנד דע=יורע דעם 16 אויגוסט 1923.

# 11. לעטלאַנדס אויסערן־פּאָליטיק.

דער ציל פון לעטלאַנדס אויסערן=פּאָליטיק איז צו פאַרשטאַרקן דעם שלום דורכן שאַפן א פאַרבאַנד פון די באַלטישע מלוכות, מיטאַרבעטן אין פעלקער=בונד, שטיין אין גוטע באַציאונגען מיט אַלע לענדער און בפרט מיט די שכנותדיקע מלוכות. אַלס טראַנזיט=מלוכה, באַמיט זיך לעטלאַנד מיטצוהעלפן דעם פאַרקער צווישן רוסלאַנד און מערב=אייראָפּע. די באַציאונגען צו רוסלאַנד זיינען רעגולירט מיטן פרידנס=אָפּמאַך פון 11 אויגוסט 1920. מיטן אָפּמאַך פון 2 יוני 1927, זיינען רעגולירט געוואָרן די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן ביידע שכנישע מלוכות. אָט דער האַנדלס=אָפּמאַך מיט רוסלאַנד איז געווען אין קראַפט ביז 1933 יאָר און איצט שטייען פאָר פאַרהאַנדלונגען וועגן שליסן א נייעם האַנדלס=אָפּמאַך. אויסער דעם, זיינען געשלאָסן געוואָרן מיט ס.ס.ס.ר. (סאָוויעט=רוסלאַנד) א גאַנצע ריי קאָנווענציעס וועגן אייזנבאַן, פּאָסט=און טעלעגראַף=פאַרקער, און אָפּמאַך וועגן די גרעניצן, און א סאַניטאַרע קאָנוועניץ. דעם 5 פעוורואַל 1932 איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן א ניט=אָנגריפס פאַקט צווישן לעטלאַנד און רוסלאַנד. דעם סיים האָט דעם פאַקט באַשטעטיקט דעם 21 יוני 1932.

זייער פיל איז אויך געטאָן געוואָרן פאַר דער דערנענטערונג פון די באַלטישע מלוכות. עס זיינען פאָרגעקומען מערערע קאָנפערענצן צווישן אָט די מלוכות, און עס זיינען געשלאָסן געוואָרן אָפּמאַכן וועגן פאַרשיידענע פראַגן. דאָ דאַרף מען דערמאָנען די קאָנפערענץ אין העלסינגפאָרס (יאַנוואַר 1920), די דערמאָנטע קאָנפערענץ אין בולדורי (אויגוסט 1720), די קאָנפערענץ פון די אויסערן=מיניסטאָרן אין העלסינגפאָרס (יולי 1921), די קאָנפערענץ פון די אויסערן=מיניסטאָרן אין וואַרשע (מאַרט 1922), די אנטוואָפנונגס=קאָנפערענץ אין מאָסקווע, און אסך אַנדערע. באַזונדערס איינגע באַציאונגען זיינען איינגעשטעלט צווישן לעטלאַנד און עסטלאַנד, די ביידע מלוכות האָבן געשלאָסן צווישן זיך א פאַרטיידיקונגס בונד.

מיט פינלאַנד און די סקאַנדינאַווישע לענדער האָט לעטלאַנד געשלאָסן האַנדלס=אָפּמאַכן און אויך יורידישע קאָנווענצן. אין 1925 איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין העלסינגפאָרס א פאַרשטענדיקונג וועגן אן אַביטראַזש=געריכט פון די באַלטישע מלוכות. אין 1926 יאָר איז געגרינדעט געוואָרן א העכסטער אַרביטראַזש=געריכט.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אז לעטלאַנד האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן האַגער טריבונאַל און שטרעבט צו שליסן מיט די אַנדערע מלוכות ניט נאָר האַנדלס=אָפּמאַכן, אָבער אויך אַרביטראַזש=פאַרשטענדיקונגען און יורידישע קאָנווענצן.

אויך מיט דייטשלאַנד איז דערגרייכט געוואָרן א פאַרשטענדיקונג בנוגע אן אַרביטראַזש=געריכט, ווי אויך וועגן אומקערן די מלחמה=היזקות. דער פרידנס=אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד איז געשלאָסן געוואָרן אין יולי 1920. דעם 28 יוני 1928 איז געשלאָסן געוואָרן מיט דייטשלאַנד א אָפּמאַך וועגן רעגולירן די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן די ביידע מלוכות. דעם 2 יוני 1928 איז אונטערגעשריבן געוואָרן אן אָפּמאַך צווישן לעטלאַנד און דייטשלאַנד וועגן אָפּשאַפן וויזעס, אריינצופאָרן פון איין לאַנד אין דער צווייטער. דער אָפּמאַך איז אריינ=

די מיעוטים־רעכטן זיינען, ווי באַקאַנט, געזיכערט געוואָרן שוין דורך דעם פאָלקס־ראַט מיטן געזעץ פון 18־טן דעקאַבר 1919 וועגן קולטור־אווטאָנאָמיע פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז כאָטש אין דער קאָנסטיטוציע איז וועגן די מיעוטים־רעכטן גאַרנישט דערמאָנט, האָבן די מיעוטים אין לעטלאַנד אַסך מער פרייהייטן און רעכטן, ווי אין פיל לענדער, וואו די קאָנסטיטוציעס ריידן אַזוי פיערלעך וועגן מיעוטים־רעכט.

די עכט־דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, די יושרדיקע אַגראַר־רעפאָרם, די ברייטע סאָציאַלע געזעצגעבונג און די נאַציאָנאַלע קולטור־אווטאָנאָמיע האָבן געשאַפן דעם אינערלעכן פרידן אין לעטלאַנד.

רעפּוטאַטן פאַרען אָפּהאַלטן אַף צוויי חדשים אַן אָנגענומענעם דורכן סיים געזעץ, כדי דערנאָך איבערצוגעבן דעם געזעץ אַף אַ פאָלקס=אָפּשטימונג. אָט די צוויי פּונקטן (26 און 27)י גאַראַנטירן, ווי מיר זעען, געוויסע רעכטן פאַר אַ מינדערהייט פון דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען אין אָפּאָזיציע. עס איז וויכטיק אויך די אימוניטעט פון די דעפּוטאַטן.

דער מלוכה=פּרעזידענט ווערט געקליבן דורכן סיים אַף דריי יאָר אין אַ געהיימער אָפּשטימונג מיט אַ מערהייט פון ניט ווייניקער ווי 51 שטימען. ער האָט רעכטן פון געזעצגעבערישער איניציאַטיוו, באַגנעדיקונגס=רעכט, רעכט פון פאַנאַנדערלאָזן דעם סיים. אין דעם לעצטן פאַל מוז אָבער באַשטימט ווערן אַ פאָלקס=אָפּשטימונג. אויב די פאָלקס=אָפּשטימונג געפינט אַיין די האַנדלונג פון מלוכה=פּרעזידענט פאַר אַ ריכטיקע, מוז געקליבן ווערן אַ נייער סיים. אויב אָבער אַ מערהייט זאָגט זיך אַרויס אין דער פאָלקס=אָפּשטימונג קעגן דער האַנדלונג פון מלוכה=פּרעזידענט, רעכנט זיך דער מלוכה=פּרעזידענט פאַר אָפּגעלאָזן פון זיין אַמט און דער סיים קלייבט=אויס אַ נייעם מלוכה=פּרעזידענט.

דער מלוכה=פּרעזידענט רעפּרעזענטירט די מלוכה פאַר דער אויסערלעכער וועלט, באַשטימט און נעמט אויף דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער; ער איז דער ראש פון אַרמיי און קריגס=צייט באַשטימט ער דעם הויפּט=קאָמאַנדיר. צו די דעפענסיווע רעכט פון מלוכה=פּרעזידענט געהערט אויך דאָס רעכט צו דערקלערן קריג, וואָס ער טוט אָפּן סמך פון סיים=באַשלוס (43. פּונקט). אין פאַל פון רעגירונגס=קריזיס קלייבט אויס דער מלוכה=פּרעזידענט די פּערזאָן, וועלכער ער באַפולמעכטיקט צוזאַמענצושטעלן די רעגירונג. דער מלוכה=פּרעזידענט טראָגט ניט קיין פּאָליטישע אחריות און אַלע זיינע תקנות מוזן קאָנטראַסיגנירט ווערן דורך אַ מיניסטער, וועלכער איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך. בלויז צוויי אַקטן פון מלוכה=פּרעזידענט דאַרפן ניט קאָנטראַסיגנירט ווערן פון אַ מיניסטער. דאָס איז דער אַקט וועגן אויפטראַגן צוזאַמענשטעלן אַ רעגירונג און דער אַקט וועגן פאַנאַנדערלאָזן דעם סיים.

לויטן פאַרשלאַג פון ניט ווייניקער ווי אַ העלפט פון די סיים=דעפּוטאַטן קען דער סיים אין אַ געשלאָסענער זיצונג מיט אַ שטימען=מערהייט פון ניט ווייניקער ווי צוויי דריטל פון אַלע סיים=מיטגלידער, באַשליסן אָפּצוזאָגן דעם פּרעזידענט פון זיין אַמט. צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט קען מען רופן דעם מלוכה=פּרעזידענט, אויב אַף דעם זיינען מסכים ניט ווייניקער ווי צוויי דריטל פון די סיים=מיטגלידער.

אין זעקסטן און זיבעטן טייל פון דער קאָנסטיטוציע ווערן אין קורצן באַטראַכט דער געריכט און דער מלוכה=קאָנטראָל. אָט די ביידע אינסטיטוטן זיינען פולשטענדיק אומאָפּהענגיקע מלוכה=אָרגאַנען. פאַרן געריכט זיינען אַלע בירגער גלייך. די ריכטער זיינען אומאָפּהענגיק און אונטערוואָרפן בלויז דעם געזעץ. די ריכטער ווערן באַשטעטיקט דורכן סיים און מען קען זיי ניט אַראָפּזעצן. קעגן זיין ווילן קען מען אַראָפּזעצן אַ ריכטער בלויז אָפּן סמך פון אַ געריכטס=אורטייל. דער מלוכה=קאָנטראָליאָר ווערט געוויילט דורכן סיים אַף 4 יאָר, און אַראָפּזעצן קען מען אים נאָר אָפּן סמך פון אַ געריכטס=אורטייל.

אויסער דער קאָנסטיטוציע זיינען נאָך פאַראַן געזעצן, וועלכע רעגולירן אַלס מילואים (דערגענצונגען) די אַרבעט פון לעטלאַנדס מלוכה=אָרגאַנען. דאָס זיינען פאָלגנדע: סיים=רעגולאַמין, געזעץ וועגן איינאָרדנונג פון מיניסטאָרן=קאַבינעט פון 1=טן אַפּריל 1925, געזעץ וועגן מלוכה=קאַבינעט פון 2=טן אויגוסט 1923 א. א.

וועגן בירגערלעכע פרייהייטן איז אין דער קאָנסטיטוציע גאָרנישט געזאָגט, אָבער שוין דער ערשטער סיים האָט אָנגענומען געזעצן, וואָס זיכערן פולשטענדיק די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פאַראיינען און פּרעסע.

דער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט אָבער אַליין אויך געוויסע, כאָטש באַגרעניצטע געזעצגעבערישע רעכטן. לויטן 62. פּונקט האָט דער מיניסטאָרן־קאַבינעט רעכט, אויב דער שונא באַדראָט די גרעניצן פֿון דער מלוכה צו דערקלערן אויסנאַמס־צושטאַנד און מוז וועגן דעם מעלדן דעם סיים־פּרעזידיום אין משך פֿון 24 שעה. לויטן 81. פּונקט האָט דער מיניסטאָרן־קאַבינעט רעכט אין דער צייט צווישן די סיים־סעסיעס אין דרינגענדע פֿאַלן אַרויס־צוגעבן תקנות וואָס האָבן דעם כח פֿון א געזעץ. אָט די תקנות מוזן אָבער באַשטעטיקט ווערן פֿון סיים גלייך ווי ער קומט צוזאַמען. אויב דער סיים באַשטעטיקט זיי ניט, פֿאַרלירן זיי זייער קראַפֿט. דער סיים קען אויסדריקן צוטרוי דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט אָדער א באַ־זונדערן מיניסטער דורך א דירעקטער צוטרוי־פֿאָרמולע אָדער דורך א פּשוטער איבערגאַנגס־פֿאָרמולע צום ווייטערדיקן פּונקט פֿון סדר־היום. אומצוטרוי קען אויסגעדריקט ווערן 1) דורך א איבערגאַנגס־פֿאָרמולע, 2) דורכן אָפּוואַרפֿן דעם אָרדנטלעכן מלוכה־בודזשעט און 3) דורך אַנדערע באַזונדערע באַשלוסן.

בכלל זעט פֿאָרויס די קאָנסטיטוציע פֿאָלגנדע 7 אָרגאַנען פֿון דער מלוכה־מאַכט: 1) דאָס פֿאָלק, 2) סיים, 3) מלוכה־פּרעזידענט, 4) מיניסטאָרן־קאַבינעט, 5) מיניס־טאָרן, 6) געריכט, 7) מלוכה־קאָנטראָל.

אַלס לעטלאַנדס פֿאָלק, וועלכע טראָגט די סוּאַווערענע מאַכט פֿון דער רעפּוב־ליק, ווערט באַטראַכט דער קאָלעקטיוו פֿון אַלע לעטלענדישע בירגער, וועלכע זיינען ניט באַגרעניצט אין זייערע רעכטן און האָבן דערגרייכט אַן עלטער פֿון 21 יאָר. אָט דער עלעקטאַראַט פֿון לעטלאַנדס בירגער איז דער העכסטער מלוכה־אָרגאַן.

דאָס פֿאָלק האָט רעכט אויסצוקלייבן דעם סיים, וועלכער באַשטייט פֿון 100 דעפּוטאַטן און ווערט אויסגעקליבן אויף דריי יאָר. דער וואַל־מאָדוס דריקט זיך אויס אין דער אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער, געהיימער און פּראָפּאָרציאָנעלער וואַל־רעכט. עס איז כאַ־ראַקטעריסטיש, אַז קיין באַזונדערע וואַל־ליסטן ווערן ניט צוזאַמענגעשטעלט און די בירגער לעגיטימירן זיך בלויז דורך זייערע געזעצלעכע דאָקומענטן. אויך זיינען די בירגער ניט געבונדן צו באַשטימטע וואַל־באַצירקן.

דאָס פֿאָלק האָט אויך רעכט דורך א פֿאָלקס־אָפּשטימונג צו לייזן די פֿראַגע וועגן פֿונאַנדערלאָזן דעם סיים (פּאַראַג. 48). דערביי קען אַלס רעזולטאַט פֿון דער פֿאָלקס־אָפּשטימונג אויך זיין דער אָפּלאָזן דעם מלוכה־פּרעזידענט פֿון זיין פּאָסטן. א צענטל פֿון די שטימבאַרעכטיקטע בירגער האָבן דאָס רעכט פֿאָרצולייגן דעם סיים געזעץ־פּראָיעקטן. דאָס פֿאָלק האָט אָבער אויך רעכט אָנצונעמען געזעצן און באַשלוסן. אָט די געזעצגעבערישע רעכטן פֿון פֿאָלק ווערן אויסגעדריקט אין דריי אַרטן: 1) אין פֿאָרם פֿון א פֿאַקולטאַטיוון רעפֿערענדום, 2) אין פֿאָרם פֿון א אָבליגאַטאָרישן רעפֿערענדום, 3) אין א רעפֿערענדום (פֿאָלקס־אָפּשטימונג), ווען דער סיים האָט אָפּגעוואָרפֿן אין תוך א געזעץ, וואָס דאָס פֿאָלק האָט פֿאָרגעלייגט.

דער געזעצגעבערישער מלוכה־אָרגאַן, ד ע ר ס י י ם, ווערט געקליבן, ווי געזאָגט, אויף דריי יאָר. קיין צווישנלעגיסלאַטיווער פּעריאָד איז ניטאָ און די פֿולמאַכטן פֿון אַלטן סיים ענדיקן זיך דאַן, ווען עס קומט צונויף דער נייער סיים. עס איז זייער וויכטיק דער 26־טער פּונקט פֿון דער קאָנסטיטוציע, לויט וועלכן א דריטל דעפּוטאַטן האָבן רעכט צו פֿאָדערן באַשטימען אין געוויסע פֿאַלן אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע. לויטן 72. פּונקט קענען א דריטל

# 10 דיקאָנסטיטוציע פון דער לעטלענדישער רעפּובליק.

די קאָנסטיטוציע פון דער לעטלענדישער רעפּובליק איז אָנגענומען געוואָרן אַף דער פּלענאַר=זיצונג פון דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג דעם 15=טן פעווראַל 1922 און איז אַריינגעטראָטן אין קראַפט דעם 7=טן נאָוועמבער 1922.

פאַר אָט דער קאָנסטיטוציע האָבן אין לעטלאַנד עקסיסטירט צוויי צייטווייליקע גרונטגעזעצן.

די ערשטע צייטווייליקע קאָנסטיטוציע איז געווען די „פּאָליטישע פּלאַטפאָרם פון פאָלקס=ראַט", וואָס האָט אָנערקענט לעטלאַנד אַלס דעמאָקראַטישע רעפּובליק און האָט באַטראַכט דעם פאָלקס=ראַט אַלס געזעצגעבערישן אָרגאַן און די צייטווייליקע רעגירונג אַלס אַדמיניסטראַטיוון אָרגאַן.

די צווייטע צייטווייליקע קאָנסטיטוציע איז באַשטאַנען פון דער „דעקלאַראַציע פון דער לעטלענדישער מלוכה" און פון די „צייטווייליקע תקנות וועגן לעטלאַנדס מלוכה=אָרדנונג". עס איז אינטערעסאַנט, אַז לויט די צוויי לעצטע צייטווייליקע אַקטן איז קיין מלוכה=פּרעזידענט ניט געווען און געוויסע פונקציעס פון מלוכה=פּרעזידענט האָט דערפילט דער פּרעזידענט פון דער „גרינדונגס=פאַרזאַמלונג". אין די „צייטווייליקע תקנות" איז שוין אָבער געווען פאָרויסגעזען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די מיניסטאָרן פאַרן געזעצגעבערישן אָרגאַן (פּאַראַגראַף 8) און עס זיינען גאַראַנטירט געוואָרן די בירגערלעכע רעכטן (פּאַראַגראַף 9). אָט די צווייטע צייטווייליקע קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן פון דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג שוין אין 1=טן חודש פון איר עקסיסטענץ. די שטענדיקע „קאָנסטיטוציע פון דער לעטלענדישער רעפּובליק", וואָס האָט סטאַביליזירט און אַף תמיד נאָרמירט און פאַרפעסטיקט די מלוכה=אָרדנונג אין לעטלאַנד, שטעלט פעסט קודם=כל דעם כאַראַקטער פון דער לעטלענדישער דעמאָקראַטישער רעפּיבליק.

ווי באַקאַנט זיינען פאַראַן צוויי מינים דעמאָקראַטישע רעפּובליקן: דואַליסטישע און פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליקן. אין דואַליסטישע רעפּובליקן זיינען די לעגאַסלאַטיווע און אַדמיניסטראַטיווע מאַכט זעלבשטענדיק און אומאָפּהייגניק איינע פון דער אַנדערער (למשל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון=אַמעריקע), אָבער אין די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפּובליקן איז דער סדר אַ מאָניסטישער און די אויספירנדע מאַכט איז דער אָדער יענער אָפּהייגניק פון דער געזעצגעבערישער (למשל, אין פראַנקרייך).

אויך אַזוי ווי פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיען און אַנדערע נייע מלוכות, האָט לעטלאַנד אָנגענומען די פאָרמען פון א פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק, וואו אין פּאַרלאַמענט זיינען סינטעזירט די געזעצגעבערישע און אויספירנדיקע מאַכט. דער מיניסטאָרן=קאַבינעט און די באַזונדערע מיניסטאָרן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן סיים. לויטן 59=טן פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע קען דער מיניסטאָרן=קאַבינעט, אָדער אַ איינצעלנער מיניסטער צוטרעטן צו זייער אַרבעט נאָר דאַמאָלסט, אויב זיי געניסן דעם צוטרוי פון סיים.

די ענינים פֿון מיניסטאָרן=קאַבינעט פֿאַרוואַלטעט די מלוכה = קאַנצעלאַריע (דירעקטאָר ד. רודזיטס). דער דירעקטאָר פֿון מלוכה=קאַנצעלאַריע איז דער סעקרעטאַר פֿון מיניסטאָרן=קאַבינעט. דער מלוכה=קאַנצעלאַריע זיינען אונטערוואָרפֿן די לעטלענדישע טעלעגראַפֿן = אַגענטור (לטאַ) און די רעדאַקציע פֿון דעם „רעגירונגס = אָנצייגער" .(Vāldības Vēstnesis)

בראש פֿון יעדער מיניסטעריום שטייט דער מיניסטער. בא די מיניסטעריומס עקסיסטירן באַזונדערע ראַטן, למשל, פֿאַר ווירטשאַפֿטס=פֿראַגן, פֿינאַנסן, קונסט, אויסערשול=בילדונג, קריג און אויסערן=פּאָליטיק א. א. די מיניסטעריומס טיילן זיך אין דעפּאַרטאַמענטן, פֿאַרוואַלטונגען, אָפּטיילונגען און סעקציעס.

אין סאָציאַלן זין זיינען אין לעטלאַנד קיין שאַרפֿע ווידערשפּרוכן ניטאָ. דער מצב פֿון די אַרבעטער ווערט פֿאַרטיידיקט פֿון פֿאַראיינען און געזעלשאַפֿטן. שטרייקן קומען פֿאָר זייער זעלטן. צו לינדערן די אַרבעטסלאָזיקייט אָרדנט איין די רעגירונג געזעלשאַפֿט=לעכע אַרבעטן און נעמט אָן אויך אַנדערע מיטלען. דער רוב פֿון דער באַפֿעלקערונג איז א דעמאָקראַטישער פּויערטום און א ראַדיקאַלער קליינבירגערטום. די לעטישע אינטעלי=גענץ שטאַמט על פּי רוב פֿון פּויערים.

קרעדיטן, שאַפן א שטארקע מיליטער־מאַכט און א פעסטע בירגערלעכע אָרדנונג, און אין אויסערן־פּאָליטיק — שאַפן א באַלטישן מלוכות־בונד. דער דעמאָקראַטישער צענטר, וועלכער באַזירט זיך אף די לעטישע באַאַמטע און אינטעליגענץ צייכנט זיך אויס מיט זיינע פאָדערונגען איינצופירן פארשיידענע מלוכה־מאָנאָפּאָלן און באַגרעניצן די רעכטן פון די מעוטים. אנדערע בירגערלעכע פארטייען פארטיידיקן די אינטערעסן פון אינדוסטרי און האנדל. די קריסטלעכע נאַציאָנאַליסטן פאָדערן די מלוכה זאָל אונטערשטיצן די קירך, אָבער די סאָצ.־דעמ. און די צענטר־פּאַרטייען פאדערן די קירך זאָל אָפּגעטיילט ווערן פון דער מלוכה. די מעוטים פאָדערן נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע.

פאר דער לעצטער צייט שטעלן ארויס די בירגערלעכע לעטישע פארטייען די פאָדערונג עס זאָל געענדערט ווערן די קאָנסטיטוציע. אזוי, למשל, פאָדערט דער פויערים־בונד, אז דער מלוכה־פרעזידענט זאָל געקליבן ווערן דורכן גאַנצן פאָלק אף 5 יאָר און זיינע פולמאַכטן זאָלן זיין זייער ברייטע; דער סיים זאָל געקליבן ווערן אף 4 יאָר און ער זאָל באַשטיין ניט פון 100 דעפּוטאַטן ווי איצט, אָבער בלויז פון 50 דעפּוטאַטן. די מיניסטאָרן זאָלן באַשטימט ווערן פון מלוכה־פרעזידענט.

פאר דער צייט פון לעטלאַנד עקסיסטענץ זיינען שוין געווען פארשיידענע רעגירונגס־קאָאַליציעס, אויך א גרויסע קאָאַליציע „פון וואַנט צו וואַנט", אין וועלכער עס זיינען אריינגעגאַנגען ווי די סאָצ.־דעמ., אזוי אויך די בירגערלעכע פארטייען. אויך די מעוטים האָבן זיך פיל מאָל באַטייליקט אין רעגירונגס־קאָאַליציעס. אָבער נאָך דעם צוזאַמענקומען פון 4־טן סיים עקסיסטירט אין לעטלאַנד די גאַנצע צייט א נאַציאָנאַלע רעגירונג: די קאָאַליציע באַשטייט בלויז פון לעטישע בירגערלעכע פארטייען און עס באַטייליקן זיך ניט אין איר ניט די סאָצ.־דעמ., ניט די מעוטים.

פאר די 15 יאָר פון לעטלאַנדס עקסיסטענץ זיינען געווען פאָלגנדע רעגירונגען:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| I. | קאַבינעט ק. אולמאַנים | פון | 18.11.1918 | ביז | 13. 7. 1919 |
| II. | קאַבינעט ק. אולמאַנים | ״ | 14. 7. 1919 | — | 8. 12. 1919 |
| III. | קאַבינעט ק. אולמאַנים | ״ | 9. 12. 1919 | — | 11. 6. 1920 |
| IV. | קאַבינעט ק. אולמאַנים | ״ | 12. 6. 1920 | — | 18. 6. 1921 |
| I. | קאַבינעט ז. מייעראָוויץ | ״ | 19. 6. 1921 | — | 26. 1. 1923 |
| | קאַבינעט י. פּאַוליוק | ״ | 27. 1. 1923 | — | 27. 6. 1923 |
| II. | קאַבינעט ז. מייעראָוויץ | ״ | 28. 6. 1923 | — | 26. 1. 1924 |
| | קאַבינעט וו. זאַמועלס | ״ | 27. 1. 1924 | — | 18.12.1924 |
| I. | קאַבינעט ה. צעלמינש | ״ | 19.12.1924 | — | 23.12.1925 |
| V. | קאַבינעט ק. אולמאַנים | ״ | 24.12.1925 | — | 5. 5. 1926 |
| | קאַבינעט א. אלבערינגס | ״ | 6. 5. 1926 | — | 17.12.1926 |
| I. | קאַבינעט מ. סקויעניעקס | ״ | 18.12.1926 | — | 23. 1. 1928 |
| | קאַבינעט פּ. יוראַשעווסקי | ״ | 23. 1. 1928 | — | 30.11.1928 |
| II. | קאַבינעט ה. צעלמינש | ״ | 30.11.1928 | — | 26. 3. 1931 |
| IV. | קאַבינעט ק. אולמאַנים | ״ | 27. 3. 1931 | — | 5.12.1931 |
| II. | קאַבינעט מ. סקויעניעקס | ״ | 5. 12. 1931 | — | 23. 3. 1933 |
| | קאַבינעט א. בלאָדניעק | ״ | 23. 3. 1933 | | |

אף אזא אופן זיינען אין משך פון די 15 יאָר פון לעטלאַנדס זעלבשטענדיקייט געווען 17 מיניסטאָרן־קאַבינעטן און 9 מיניסטער־פרעזידענטן.

6 רעפּוטאַטן, אין צווייטן סיים 5 רעפּ. און אין דריטן סיים 5 רעפּוטאַטן. די מפּלה פון די אידן דערקלערט זיך מיט דער מוראדיקער צעשפּליטערונג, מיט די סך ליסטן, וואָס ווערן ארויסגעשטעלט צו די וואַלן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז די דייטשן, וועלכע מאַכן אויס 3 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג, האָבן 6 רעפּוטאַטן, ווייל אלע זייערע פּאַרטייען גייען צו די וואַלן מיט איין ליסט. די אידן אָבער, וועלכע מאַכן אויס 5 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג, האָבן בלויז 3 רעפּוטאַטן.



א. בלאָדניעקס,
מיניסטער־פּרעזידענט.

וואָס איז שייך די פּראגראַמען פון די באַזונדערע פּאַרטייען טאָ געהערט די לעטישע סאָצ. דעמאָקראַטישע פּאַרטיי צום צווייטן אמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל און שטעלט זיך איין פאר דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי, פאר א ברייטע ארבעטער־געזעצגעבונג און פאר דער אינטערנאציאָנאַלער נייטראַליזירונג פון לעטלאַנד. דער פּויערים־בונד אָבער פאָדערט די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, שוץ־צאָל, מעליאָראַציע־

## לעטישע בירגערלעכע פאַרטייען.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| לעט. פויערים=בונד (ק. אולמאַניס, ה. צעלמינש) | 16 | 16 | 16 | 14 |
| ניי=ווירטן (א. בלאָדניעקס) | — | 3 | 4 | 9 |
| יונג=ווירטן (נאָנאַץ) | 3 | 3 | — | — |
| נאַציאָנאַלער פויערים=בונד | — | 1 | — | — |
| נייער פויערים=בונד (לייקאַרט) | — | — | — | 1 |
| דעמאָקראַטישער צענטער (י. ברייקש, ג. זעמגאַלס) | 6 | 5 | 3 | 6 |
| פּראָגרעסיווע פאַראייניקונג (מ. סקויעניעקס) | — | — | — | 3 |
| ארבעטער=פאַרבאַנד (פּראָפ. פּ. זאַליטע) | — | — | 1 | 1 |
| געוועזענע געלט=דעפּאָנירער (י. ווינטערס) | — | — | 1 | 1 |
| פאַראיין פון פרידן און אָרדנונג (אַ. זאַקים) | — | 2 | 2 | 1 |
| פאָרשטייער פון צושטערטע געביטן | 1 | 1 | — | — |
| קריסטלעכע ארבעטס=מענטשן (רימבעניעקס) | — | — | 1 | 1 |
| נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד (א. בערג) | 4 | 3 | 2 | — |
| קריסטלעכע נאַציאָנאַליסטן (אדוו. סאַנדערס) | 4 | 2 | 4 | 3 |
| באַאַמטע (א. דינבערגס) | — | — | — | 1 |
| לאַטגאַלער לעטן (לוקין) | — | — | — | 1 |

## לאַטגאַלער בירגערלעכע פאַרטייען.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| לאַטגאַלער קריסטלעכע פויערים (ס. איווּבולס) | 3 | 5 | 6 | 8 |
| לאַטגאַלער אומאָפּהייגיקע | — | 1 | — | — |
| לאַטגאַלער דעמאָקראַטישער בלאָק | 4 | 2 | — | — |
| לאַטגאַלער דעמאָקראַטישער פויערים=פאַרבאַנד (וו. רובולס) | 1 | 2 | 3 | — |
| פּראָגרעסיווער פאָלקס=פאַרבאַנד (י. טראַסון) | 4 | 2 | 3 | — |
| לאַטגאַלער פּראָגרעסיווע פויערים (וו. רובולס, י. טראַסון) | — | — | — | 5 |
| זעמגאַלער קריסטלעכע | 1 | — | — | — |

## מעוטים.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אגודת ישראל (מרדכי דובין, שמעון וויטנבערג) | 1 | 2 | 1 | 2 |
| „מזרחי" (ראַבינער מ. נוראָק) | 1 | 1 | 2 | 1 |
| צעירי=ציון (פּראָפ. מ. לאַזערסאָן) | 1 | 1 | 1 | — |
| אידישע נאַציאָנאַל=דעמאָקראַטן | 1 | — | — | — |
| דייטש=באַלטישע פאַרטיי (ל. שעלער) | 6 | 4 | 6 | 6 |
| פּויליש=קאַטאָלישע פאַרטיי (י. ווערזשביצקי, וו. לאַפּינסקי) | 1 | 2 | 2 | 2 |
| רעכטגלויביקע רוסן (ארכ. יאָאַן) | — | 2 | 2 | 2 |
| אלטגלויביקע רוסן (מ. קאַליסטראַטאָוו) | 1 | 2 | 2 | 2 |
| פאַרבאַנד פון רוסישע עסקנים (ל. שפּאָליאַנסקי) | 1 | 1 | 2 | 1 |
| פאַרבאַנד פון רוסישע פויערים (ס. טראָפּימאָוו) | — | — | — | 1 |
| רוסישע נאַציאָנאַל=דעמאָקראַטישע פאַרטיי | 1 | — | — | — |
| צוזאַמען | 100 | 100 | 100 | 100 |

ווי מיר זעען, האָבן בא די וואַלן אין 4=טן סיים די אידן געליטן א גרויסע מפלה, און האבן דורכגעפירט אינגאַנצן 3 דעפּוטאַטן. אין ערשטן סיים האָבן די אידן געהאַט



די לעט. צייטווייליקע רעגירונג מיט ק. אולמאַניס קומט צוריק קיין ריגע.

# 9. סיים און אינערן־פּאָליטיק.

דער ערשטער לעטלענדישער סיים איז צוזאַמענגעקומען דעם 7־טן נאָוועמבער 1922 יאָר, און איז באַשטאַנען פון 38 סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן, 47 לעטישע בירגער־לעכע פּאַרטרעטער און 15 מעוטים־פאַרטרעטער. אין ערשטן סיים זיינען געווען פאַרטראָטן 23 פּאַרטייען, אין צווייטן סיים (1925—1928)—26 פּאַרטייען, אין דריטן (1928—1931)—25 פּאַרטייען און אין פירטן סיים, וועלכן מען האָט געקליבן דעם 3 און 4 אָקטאָבער 1931, זיינען פאַרטראָטן 24 פּאַרטייען.

דער פּרעזידיום פון 4־טן סיים באַשטייט פון פאָרזיצער דר. פּויל קאַלנינש (סאָצ. דעמ.), וויצע פאָרזיצערס: ק. פּאַוליוקס און י. פּאַבערז, סעקרעטאַר י. קאַלנינש און געהילף־סעקרעטאַר ט. פּאַוולאָווסקי.

אַ גענויערן בילד פון די כחות־פאַרהעלטנישן אין די ערשטע 4 לעטלענדישע סיימען וועלן אונז געבן פאָלגנדע דאַטן:

## סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

| | I ס. | II ס. | III ס. | VI ס. |
|---|---|---|---|---|
| לעטל. סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי (דר. מענדערס) | 30 | 31 | 25 | 21 |
| אידישע סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי „בונד" (ד"ר נ. מייזל) | 1 | 1 | 1 | — |
| פראַקציע פון סאָצ.־דעמ. מינימאַליסטן (מ. סקויעניעק) | 7 | 4 | 2 | — |
| לאַטגאַלער סאָצ.־דעמ. פויערים־און ארבעטער (אָפּינצאַן) | — | 1 | 1 | — |
| אומאָפּהיינגיקע סאָציאַליסטן (א. קורשינסקי) | — | — | 1 | — |
| לינקע ארבעטער־ און פויערים־פראַקציע (קאָמוניסטן) | -- | — | 6 | 7 |

א השגה וועגן די פּאָליטישע כוחות־פאַרהעלטעניש אין דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג באַקומען מיר פון פאָלגנדיקער טאַבעלע, וועלכע ווייזט די צאָל און פּראָצענט שטימען, וואָס די פּאָליטישע גרופּירונגען האָבן באַקומען צו די וואַלן אין גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג.

| פּאָליטישע גרופּירונגען | אָפּגעגעב. שטימען | % |
|---|---|---|
| סאָציאַלדעמאָקר. פּאַרטיי | 274.877 | 38,7 |
| פּויערים־בונד | 126.434 | 17,8 |
| צענטר־גרופּעס | 84.625 | 11,9 |
| פאַרשייד. לאַטגאַל. פּאַרטייען | 80.526 | 11,3 |
| נאַציאָנאַלע מעוטים | 73.026 | 10,3 |
| פּאַרטייען פון רעכטן פליגל | 40.085 | 5,6 |
| קאַטוילישע פּויערים | 28.617 | 4,0 |
| קליינע אומבאַדייטנ. פּאַרטייען | 2.744 | 0,4 |

אינגאַנצן זיינען צו די וואַלן אין גרינדונגס - פאַרזאַמלונג אָפּגעגעבן געוואָרן 710,934 שטימען.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט געאַרבעט פון 1־טן מאַי 1920 ביז דעם 7־טן אָקטאָבער 1922.



א לעטישע פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג בעת דעם באַפרייאונגס־קריג.

רעפּרעזענטאַנטן אין פאָלקס=ראַט. אין פאָלקס=ראַט האָבן זיך פון די לעטישע פּאַרטייען ניט באַטייליקט די קאָמוניסטן, וועמעס אידעאַל עס איז געווען די קאָמוניסטישע רוסלאַנד און די עקסטרעם=רעכטע פאָלקס=פּאַרטיי מיט פּר. ווייַנבערג בראש, וועלכע האָט געחלומט צו פאַראייניקן לעטלאַנד מיט דייטשלאַנד.

שוין אויף זיין ערשטע זיצונג האָט דער פאָלקס=ראַט אָנגענומען די פּאָליטישע פּלאַטפאָרם און באַשטימט די פּאָליטישע אָריענטאַציע.

אין דער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם פון פאָלקס=ראַט איז פאָרויסגעזען וואָס גיכער צוזאַמענצורופן א פון פאָלק געקליבענע גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, באַשטימען א צייטווייליקע רעגירונג, געבן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן רעכט זיך צו באַטייליקן אין דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג אויפן סמך פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַל=רעכט, אויך באַטייליקן זיך אין דער צייטווייליקער רעגירונג און געניסן די רעכטן פרייַ צו אַנטוויקלען די אייגענע קולטור. אין דער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם זיינען אויך פאָרויסגעזען די בירגערלעכע פרייַהייטן, ווי אויך די רעכטן פון לאָקאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען.

דער פּרעזידיום פון פאָלקס=ראַט איז באַשטאַנען פון פּאָרזיצער י. טשאַקסטע, געהילפן פון פּאָרזיצער ג. זעמגאַל און מ. סקויעניעק, סעקרעטאַר — ע. ביטע און געהילפן פון סעקרעטאַר ע. סקוביקים און סט. קאַמבאַלאַ.

פאַרן מיניסטער=פּרעזידענט איז איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן ק. אולמאַניס, וועלכן עס איז אויפגעגעבן געוואָרן אין די גיכסטע צייט צוזאַמענצושטעלן א צייטווייליקע רעגירונג. דער מיניסטער=פּרעזידענט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאָלקס=ראַט פאַר דער טעטיקייט פון גאַנצן מיניסטאָרן=קאַבינעט.

נאָכן אויסקלייבן א צווישנפראַקציאָנס=ביוראָ און עטלעכע קאָמיסיעס, איז באַשלאָסן געוואָרן שוין אויף מאָרגן — דעם 18=טן נאָוועמבער 1918 פיר אז. נאָכמיטיק איינצואָרדנען דעם אַקט פון לעטלאַנדס פּראָקלאַמירונג.

דער פאָלקס=ראַט האָט דערפירט לעטלאַנד ביז צו דער **גרינדונגס=פאַרזאַמלונג**, וועלכע איז צוזאַמענגעקומען אין ריגע דעם 1=טן מאַי 1920.

דער 1=טער לעטלענדישער פּאַרלאַמענט, דער פאָלקס=ראַט, איז ניט געווען קיין געוויילטע פאָלקס=פאָרשטייערשאַפט. דאָס איז געווען א אינסטיטוציע, וואָס איז באַשטאַנען פון דעלעגירטע פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. לויט א געמיינזאַמען אָפּמאַך זיינען געווען אין פאָלקס=ראַט אַלע פּאַרטייען פּראָפּאָרציאָנעל פאַרטראָטן. די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג איז אָבער געווען דער ערשטער פון פאָלק גופא אויסגעקליבענער פּאַרלאַמענט.

די צוויי הויפּט=אויפגאַבן פון דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג זיינען געווען: אַרויסגעבן א געזעץ וועגן אַגראַר=רעפאָרם און אָננעמען די גרונט=געזעצן, די קאָנסטיטוציע פון דער לעטלענדישער מלוכה. חוץ אָט די צוויי וויכטיקע שליחות האָט די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג נאָך דורכגעפירט א גאַנצע ריי געזעצגעבערישע אַקטן, פון וועלכע עס האָבן א באַזונדערע חשיבות די פאָלגנדע: די שלום=אָפּמאַכן מיט דייטשלאַנד און רוסלאַנד, געזעץ וועגן צאָל=טאַריף, דער שליסן די פּריצים=קאָרפּאָראַציע, אַמניסטיע=אַקט, דאָס באַשטימען די גרעניצן מיט עסטלאַנד און ליטע, געזעץ וועגן קולטור=פאָנד, געזעץ וועגן רעגיסטרירן חתונות און ציוויל=אַקטן, קאָנקאָרדאַט, בודזשעט=געזעץ, געזעץ וועגן אַרבעטס=צייט און א גאַנצע ריי אָפּמאַכן מיט אַנדערע מלוכות, וואָס זיינען משפּיע געווען אויף לעטלאַנדס צווישנפעלקערישן מצב.

פֿון לאַטגאַליען. דער פֿאָלקס=ראַט האָט איבערגעגעבן די העכסטע מאַכט פֿון דעם נאַציאָנאַל=ראַט, וועלכער האָט עקסיסטירט איין יאָר (פֿון 16=טן נאָוועמבער 1917 ביז דעם 17=טן נאָוועמבער 1918).

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין פֿאָלקס=ראַט זאָלן זיין פֿאַרטראָטן נאָר פּאָליטישע פּאַרטייען און צו די פּאַרטייען האָבן די פֿאָלגנדע צאָל דעפּוטאַטן: פּויערים=בונד — 13 דעפּוטאַטן, סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי — 10, דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — 5, ראַדיקאַל=דעמאָקראַטן — 4, סאָציאַל=רעוואָלוציאָנערן — 3, נאַציאָנאַל=דעמאָקראַטן — 2, לעטישע רעפּובליקאַנער — 1 און דער פּאַרטיי פֿון לעטלאַנדס אומאָפּהענגיקייט — 1. אין קורלאַנד און לאַטגאַליען איז נאָך ניט געווען פֿאַרגעקומען קיין פּאַרטייען=גרופּירונג און דערפֿאַר האָט מען פֿאַר קורלאַנד באַשטימט די אַלגעמיינע צאָל דעפּוטאַטן — 21 און פֿאַר לאַטגאַליען — 18. פֿאַר די מינאָריטעטן איז באַשטימט געוואָרן 20 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער צאָל



**דר. פּ. קאַלנינש,**
סיים = פּרעזידענט.

# 8. דער אָנהויב פון לעטלאַנדס פּאַרלאַמענטאַריזם.

## נאַציאָנאַל=ראַט, פאָלקס=ראַט און גרינדונגס=פאַרזאמלונג.

דער ערשטער לעטלענדישער פּאַרלאַמענט אין מאָדערנעם זין פון וואָרט איז געוועזן דער פאָלקס=ראַט, אָבער נאָך פאָר דער גרינדונג פון פאָלקס=ראַט האָבן עקסיסטירט צוויי לעטישע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע עס זיינען געווען פאַרטראָטן מערערע פּאָליטישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע גרופּעס. דאָס זיינען געווען דער „לעטישער נאַציאָנאַל=ראַט" און דער „ריגער דעמאָקראַטישער בלאָק".

אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1917 יאָר זיינען אנטשטאַנען מערערע לעטישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט געוויסע פאָלקס=שיכטן. עס האָט אָבער געפעלט א אָרגאַן, וואו אַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיין פאַראייניקט און וואָס זאָל קענען ריידן אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק. דעם 1=טן און 2=טן אָקטאָבער איז אין פּעטערבורג צוזאַמענגעקומען א באַראַטונג וועגן גרינדן א נאַציאָנאַל=ראַט. אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט 20 פאָרשטייערס פון פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פּאַרטייען און גרופּן פון קורלאַנד, ליפלאַנד און לאַטגאַליען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן א אָרגאַניזאַציאָנס=קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון 26 פּערזאָן, וואָס זאָל צוזאַמענרופן א פאַרזאַמלונג צו גרינדן א נאַציאָנאַל=ראַט. פון 18=טן ביז דעם 21=טן אָקטאָבער איז אין פּעטערבורג פאָרגעקומען א ברייטערע באַראַטונג, וואָס האָט באַשלאָסן גלייך צוזאַמענצורופן דעם לעטישן צייטווייליקן נאַציאָנאַל=ראַט. אָט דער נאַציאָנאַל=ראַט איז אויך צוזאַמענגעקומען אויף זיין ערשטע סעסיע אין וואַלק, וואָס האָט געדויערט פון 16=טן ביזן 19=טן נאָוועמבער 1917. בראש פון נאַציאָנאַל=ראַט זיינען געשטאַנען וו. זאַמועל און א. בערג.

אין דער זעלבער צייט זיינען אין ריגע, וואָס איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן פאָרגעקומען אומלעגאַלע באַראַטונגען פון די פאָרשטייערס פון פאַרשיידענע לעטישע אָרגאַניזאַציעס און פון אָט די באַראַטונגען האָט זיך אויסגעפאָרמירט דער „ריגער דעמאָקראַטישער בלאָק", אין וועלכן עס האָבן אַקטיוו געאַרבעט ק. אולמאַניס, מ. וואַלטער, ר. בענוס, ספּ. פּאַעגלע, מ. סקויעניעק, פּ. קאַלנין, פר. מענדערס א. א.

אין אָקטאָבער 1918 האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקן דעם „נאַציאָנאַל=ראַט" און „ריגער דעמאָקראַטישער בלאָק" אין איין קערפּערשאַפט. לכתחילה האָבן די אונטערהאַנדלונגען ניט געגעבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אָבער אין נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר איז דאָך דערגרייכט געוואָרן א הסכם און דעם 17=טן נאָוועמבער 1918 איז 10 אזייגער פון אָוונט אין די רוימען פון דער לייען און שפּאָר=קאַסע פון דעם ריגער געווערב=פאַראיין געגרינדעט געוואָרן דער לעטלענדישער פאָלקס=ראַט. אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייערס פון 8 פּאָליטישע פּאַרטייען און איין פּאַרטרעטער

יאַפּאַן, ליבעריע, נאָרוועגן, ניי־זעלאַנד, פּאַנאַמאַ, האָלאַנד, רומעניען, יוגאָסלאַוויען, שווייץ און טשעכאסלאוואקיען. 13 מלוכות האָבן זיך אָפּגעהאַלטן בא דער אָפּשטימונג. דער קוואָרום איז געווען 2 דריטל פון 29—20.

די פאָרמעלע סבה איז געווען, וואָס לעטלאַנד איז נאָך ניט אָנערקענט דע־יורע, אָבער די פּאַקטישע סבה איז געווען די ניט קלאָרע פּאָליטיק פון דער אַנטאַנטע אין דער רוסלענדישער פראַגע. אויך דער פאַקט, אז לעטלאַנד איז אזוי ווייניק באַקאַנט געווען אין דער וועלט, האָט באַדייטנד געווירקט אפן רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג. לעטלאַנד האָט אָבער געהאַט די נוצן, וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן איר, ניט נאָר אין דער קאָמיסיע, אבער אויך אפן פלענום פון פעלקער־בונד און אין דער פרעסע, און ערנסטע מלוכה־מענער האָבן באַקומען דעם פאַרלאַנג זיך געניי צו באַקענען מיט אָט דער מלוכה.

ווען דעם 6־טן סעפּטעמבער 1921 איז ווידער צוזאַמענגעקומען די סעסיע פון פעלקער־בונד, איז שוין די לאַגע געווען גאָר אן אנדערע: לעטלאַנד איז שוין מיט 8 חדשים צוריק אָנערקענט געוואָרן דע־יורע. דעם 15־טן סעפּטעמבער האָט די קאָמיסיע באַטראַכט די פראַגע וועגן אופנעמען לעטלאַנד אין פעלקער־בונד. אלס רעפערענט איז ארויסגעטראָטן דער פראַנצויזישער דעלעגאַט רעינאַל, וועלכער האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל לעטלאַנד אופ־נעמען איינשטימיק. אין די דעבאַטן האָבן זיך באַטייליקט די דעלעגאַטן פון ענגלאַנד, פוילן, שוועדן און קאָלומביע. באַזונדערש ענערגיש האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון לעטלאַנד דער דעלעגאַט פון קאָלומביע רעסטרעפּאָ. אלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן געשטימט פאַר לעטלאַנדס אופנאַמע. דעם 22־טן סעפּטעמבר 1921 איז די פראַגע געקומען אפן פלע־נום פון פעלקער־בונד און מיט 38 שטימען איז זי געלייזט געוואָרן פּאָזיטיוו לטובת לעטלאַנד.

מיט דער אופנאַמע אין פעלקער־בונד האָט זיך פאַרענדיקט א וויכטיקער און שווערער קאַמפּס־פּעריאָד פון דער לעטלענדישער דיפּלאָמאַטיע.

הײנגיק פֿון דעם װילן פֿון רוסישן פֿאָלק. עס איז אויך אָנגעװיזן געװאָרן, אַז אין פֿרידנס־אָפּמאַך איז פֿאַר רוסלאַנד געזיכערט דער פֿרײַער סחורות־טראַנזיט און דער ארויסגאַנג צום ים.

אַף דער פּלענאַר־זיצונג פֿון 16־טן דעצעמבער האָט דער בראַזיליאַנישער דעלעגאַט אָקטאַװיאָ רעפּערירט װעגן באַשלוס פֿון דער 5־טער קאָמיסיע, אַז די בקשה פֿון די נײַע מלוכות איז באַטראַכט געװאָרן מיט פֿיל סימפּאַטיע, אָבער נעמענדיק אין אַכט דעם הײנטיקן מצב קען די בקשה נאָך ניט אינגאַנצן דערפֿילט װערן און די נײַע מלוכות (לעטלאַנד, עסטלאַנד און ליטע) װעלן דערװײַלע האָבן רעכט מיטצואַרבעטן אין די טעכנישע



װ. סאַלנאַיס,
לעטלאַנדס אויסערן־מיניסטער.

קאָמיסיעס (צװישנפֿעלקערישע טראַנזיט־קאָמיסיע, פֿעסער־קאָמיסיע, פּאָסט־קאָמיסיע א. א. װ.). נאָך אָט דער מיטײלונג האָבן זיך ארויסגעזאָגט בנוגע דער פֿראַגע פֿאַרטרעטער פֿון 9 מלוכות. אין דער אָפּשטימונג װעגן לעטלאַנד האָבן זיך באַטײליקט 29 מלוכות. 5 מלוכות האָבן געענטפֿערט „יאָ": איטאַליע, קאָלומביע, פּאַראַגװאַי, פּערסיען און פּאָרטוגאַל. 24 מלוכות האָבן געענטפֿערט „ניין": אװסטראַליע, דרום־אַפֿריקע, בעלגיען, בראַזיליען, קאַנאַדע, טשילי, קובאַ, דענעמאַרק, גרויס־בריטאַניען, שפּאַניען, פֿראַנקרײַך, גריכנלאַנד, אינדיען, שװעדן,

# 7. לעטלאנדס אופנאמע אין פעלקער = בונד.

דעם 15=טן נאָוועמבער 1920 איז אין זשענעווע צוזאמענגעקומען דער פלענום פון פעלקער=בונד, וועלכער האָט אָפּגעהאלטן זיינע זיצונגען ביז דעם 20=טן דעצעמבער פון זעלביקן יאָר.

בהסכם מיט די אנדערע נייע מלוכות האָט אויך לעטלאנד געשיקט פארטרעטער קיין זשענעווע צו אינפאָרמירן די אנטשפרעכנדע דעלעגאציעס וועגן לעטלאנדס מצב און צו זאָרגן דערפאר, אז לעטלאנד זאָל אופגענומען ווערן אין פעלקער=בונד. דער פארזיצער פון לעטלאנדס דעלעגאציע איז געווען דער אויסערן=מיניסטער ז. מ יי ע ר א וו י ץ.

מיט דער פראגע וועגן לעטלאנדס אופנאמע אין פעלקער=בונד האָט זיך באשעפטיקט די 5=טע קאָמיסיע. אינגאנצן האָט דער פעלקער=בונד דעמאָלט געהאט 6 קאָמיסיעס.

דער פאָרזיצער פון דער לעטלענדישער דעלעגאציע מיניסטער ז. מייעראָוויץ האָט באזוכט די פאָרזיצערס פון די דעלעגאציעס פון אנדערע מלוכות און האָט זיי איבערגעגעבן ידיעות וועגן לעטלאנד און איר מצב און וועגן לעטלאנדס פארלאנג אופגענומען צו ווערן אין פעלקער=בונד. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז פיל האָבן בכלל גאָרנישט געוואוסט וועגן לעטלאנד, פונקט ווי זיי האָבן ניט געוואוסט וועגן עסטלאנד און ליטע. אף אזא אופן איז פאר די דעלעגאציעס באמת שווער געווען צו נעמען א שטעלונג אין דער פראגע וועגן לעטלאנדס אופנאמע אין פעלקער=בונד.

די בקשה פון לעטלאנד און פון די אנדערע נייע מלוכות האָט שטארק אונטערשטיצט די שווייצארישע פרעסע, ווי אויך די „ליגע צו פארטיידיקן די רעכטן פון די נייע רעפובליקן, וואָס זיינען אנטשטאנען אף דער טעריטאָריע פון דער רוסישער אימפעריע" און דער „קאמיטעט צו שטודירן די לעטישע פראגע". דער לעטישער פארטרעטער אין פאריז דר. אָ. גראָסוואלד האָט זיך געווענדעט צום פראנצויזישן אויסערן = מיניסטריום מיט דער פראגע אויב פראנקרייך וועט שטימען פאר אָדער קעגן לאטלאנדס אופנאמע און ער האָט באקומען א תשובה, אז פראנקרייך וועט שטימען קעגן דער אופנאמע.

דעם 25=טן נאָוועמבער האָט די 5=טע קאָמיסיע איינגעלאדן די לעטישע דעלעגאציע צו דער זיצונג כדי צו געבן דערקלערונגען. דער פאָרזיצער פון דער לעטישער דעלעגאציע ז. מייעראָוויץ האָט אף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פאָרגעלייענט א גענויעם איבערזיכט וועגן לעטלאנדס=אנטשטייאונג, וועגן דער אָרגאניזאציע און טעטיקייט פון פאָלקסראָט, וועגן דעם, אז לעטלאנד האָט מיט אייגענע כחות זיך באפרייט פון די דייטשן און רוסן, וועגן די פרידנס=אָפּמאכן מיט רוסלאנד און דייטשלאנד, וועגן לעטלאנדס פאליטישע און עקאָנאָמישע אומאפהענגיקייט און יועגן דער פאָרערונג פון לעטישן פאָלק אופגענומען צו ווערן פאר א פולבארעכטיקטן מיטגליד אין דער משפחה פון די פעלקער און מלוכות. אין מעמאָראנדום איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז די לעטן האָבן די זעלבע רעכט ווי אנדערע פעלקער צו זיין פריי און זעלבשטענדיק און דער ווילן פון לעטישן פאָלק קען ניט זיין אָפּ=

די יורידישע אָנערקענונג פון אזא מין אנטוויקלטער מלוכה איז א פליכט, און פארהאלטן די אָנערקענונג באדייט אָפּנעמען רעכטן. לעטלאַנד האָט אויך פריער פאַרמאָגט פעלקער־רעכטלעכע האַנדלס־פייאיקייט און די יורידישע אָנערקענונג האָט בלויז דערמעגלעכט די גרינגערע אויסנוצונג פון אָט דער האַנדלס־פייאיקייט.

די דערוואָרבענע רעכטן נוצט אויס לעטלאַנד אין איר שטרעבן צו דעם אַלגעמײנעם פרידן, וואָס עס איז שוין געווארן א טראדיציע פון דער לעטלענדישער אויסערן־פּאָליטיק. אָט די פיינע טראדיציע זוכן מיט אלע מיטלען פאַרצוזעצן אלע געוו. אויסערן־מיניסטאָרן פון לעטלאַנד און אויך דער איצטיקער אויסערן־מיניסטער סאַלנאַיס, וועלכער פירט לעטלאַנד אפן וועג פון צווישנפעלקערישער דערנענטערונג און ברידערלעכן צוזאמענאַרבעט.



סאָלדאַטן פון דער סטודענטן־ראָטע אין לעטלאַנדס באפרייאונגס־קריג.

אַרבּנק די בּאַמיאונגען פון דעם דעמאָלדיקן לעטלענדישן געזאַנטן אין רוים, ד״ר מ. וואַלטער געהאַט אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן לעטלאַנד, האָט בּאַפולמעכטיקט דעם אויסערן=מיניסטער ספּאַרצאַ אַקטיוו אַרויסצוטרעטן פאַר לעטלאַנדס אָנערקענונג.

דעם 26=טן יאַנואַר 1921 איז פאָרגעקומען אין פּאַריז אַ זיצונג פון דעם העכסטן ראַט פון דער „אַנטאַנטע" (פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליען, יאַפּאַן, בּעלגיען), וואו לויטן פאָרשלאַג פון איטאַליענישן דעלעגאַט, איז לעטלאַנד אָנערקענט געוואָרן „דע=יורע" און בּריאַן האָט וועגן דעם אָפיציעל מיטגעטיילט דעם פּרעזידענט פון דער לעטלענדישער דעלעגאַציע אין פּאַריז. אינגיכן האָבּן אויך אַנדערע מלוכות אָנערקענט לעטלאַנד „דע=יורע".

מיט דער „דע=יורע"=אָנערקענונג איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ גאַנצער פּעריאָד אין לעטלאַנדס=דיפּלאָמאַטיע, און פאַר דער לעטלענדישער רעפּובּליק האָט זיך געשאַפן אַ בּרייטע מעגלעכקייט פון פעלקער=רעכטלעכע האַנדלונגען. דעם 22=טן סעפּטעמבּער 1921 איז לעטלאַנד אויך אָנגענומען געוואָרן אַלס פולבּאַרעכטיקטער מיטגליד פון פעלקער=בּונד, וואו זי איז אַקטיוו טעטיק בּיז היינטיקן טאָג.

עס איז כדאי צו בּאַמערקן, אַז אויסער ז. מ ײ ע ר אָ וו י ץ, האָבּן גרויסע פאַרדינסטן בּאַ דער „דע=יורע"=דערגרייכונג אויך י אַ נ י ס ט ש אַ ק ס ט ע (געוו. ערשטער מלוכה=פּרעזידענט), אונטער וועמעס אָנפירונג עס האָט געאַרבּעט די גרינדונגס=פאַרזאַמלונג, דער דעמאָלסטיקער מיניסטער=פּרעזידענט ק. א ו ל מ אַ נ י ס און דער געוו. פּרעסע=שעף איצט געזאַנטער אין מאָסקווע ד״ר א ל פ ר ע ד בּ י ל מ אַ ן, וועלכער האָט גלענצנד דורכגעפירט די פּאָליטיש=אינפאָרמאַטאָרישע אַרבּעט פון לעטלענדישן אויסערן=מיניסטעריום.

עס איז וויכטיק אָנצואווייזן אַפן גרויסן חילוק צווישן דער „דע=פאַקטאָ" און „דע=יורע" אָנערקענונג. די „דע=פאַקטאָ" איז אַ צייטווייליקע און אָפּגעגרעניצטע אָנערקענונג. די „דע=פאַקטאָ"=אָנערקענטע מלוכה האָט ניט קיין רעכט צו שיקן געזאַנטע און צו שליסן אָפּמאַכן. אַפן דיפּלאָמאַטישן לשון הייסט עס, אַז די מלוכה איז בּאַגרעניצט אַפן געבּיט פון „Jus legationum" און „Jus foederum et tractatum" דער דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער פון אַזאַ מלוכה רופט זיך ניט געזאַנדטער, אָבּער בּלויז דעלעגירטער און ער ווערט ניט פאַררעכנט אין דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. די „דע=יורע" = אָנערקענונג גיט אָבּער דער מלוכה שטענדיקע און אומבּאַגרעניצטע יורידיש=דיפּלאָמאַטישע רעכטן. די מלוכה בּאַקומט אין דעם פאַל פולשטענדישע מעגלעכקייטן פון אויסאיבּן דיפּלאָמאַטישע רעכטס= און האַנדלס=פעיִקייטן.

כאָטש די „דע=יורע"=אָנערקענונג האָט אַזאַ גרויסע בּאַדייטונג, דאַרף מען אָבּער ניט פאַרגעסן, אַז אָפט איז די פּראַקטישע ווירקלעכקייט אַ היפּוך פון די טעאָרעטישע פאָדערונגען. אָפּט קען די מלוכה זיין אַ פאַקטישער מיטגליד פון דער פעלקער = רעכטלעכער משפחה שוין פ אַ ר דער אָנערקענונג. די יורידישע אָנערקענונג איז בּלויז אַ דעקלאַראַטיווער אַקט, אָבּער בשום אופן ניט קיין רעכט=שאַפנדער אינסטיטוט. אַזוי למשל, איז לעטלאַנד אויך פאַר דער אָנערקענונג געווען אַ ממשותדיקער בּאַשטאַנדטייל פון דעם פעלקער=רעכט, אַ צווישנפעלקערישע פּערזענלעכקייט. שוין אין יאָר 1919 האָט לעטלאַנד געהאַט אַן אייגענע רעגירונג, אַ געזעצגעבּערישן אָרגאַן (פאָלקסראַט), אַ פּראָוויזאָרישן מלוכה=ראש, אַ קאַמפס=פעיִקע אַרמיי און אייגענע געלט=שיינען (דער לעטל. רובּל). לעטלאַנד איז שוין דעמאָלט בּלי=ספק געווען אַ מלוכה אין פעלקער=רעכטלעכן זין און איז געשטאַנען אין בּאַציאונגען מיט אַנדערע מלוכות. עס איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז פראַנקרייך איז אַריינגעטראָטן אין בּאַציאונגען מיט לעטלאַנד שוין אָנהויבּ 1919, כאָטש זי האָט איר אָנערקענט „דע=פאַקטאָ" ערשט דעם 28=טן אַפּריל 1920.

# 6. לעטלאַנדס אָנערקענונג דע־פאַקטאָ און דע־יורע.

די נצחונות פון דער לעטלענדישער אַרמיי, די שטייגענדיקע מאָביליזירונג פון לעטלאַנדס מלוכה־לעבן און די פייאיקייטן פון אויסערן־מיניסטער ז. מייעראָוויץ (פון אידישער אָפּשטאַמונג) האָבן געפירט צו אַ גאַנצע ריי דערפאָלגן אַפן געביט פון לעטלאַנדס דיפּלאָמאַטיע.

שוין אַ וואָך פאַר דער אָפיציעלער אומאָפּהענגיקייטס־פּראָקלאַמירונג איז לעטלאַנד דעם 11־טן נאָוועמבער 1918 אָנערקענט געוואָרן „דע־פאַקטאָ" מצד ענגלאַנד און אין יאָר 1919 פון אַ גאַנצע ריי אַנדערע מלוכות: יאַפּאַן, פינלאַנד, פּוילן, דענעמאַרק, ליטע, אוקראַינע. דעם 15־טן יולי 1920 איז געשלאָסן געוואָרן דער פרידנס־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, וועלכער איז גלייכצייטיק אַן אַקט פון „דע־פאַקטאָ" אָנערקענונג מצד דייטשלאַנד און דעם 11־טן אויגוסט איז געשלאָסן געוואָרן דער פרידנס־אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, לויט וועלכן רוסלאַנד אָנערקענט די פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט פון דער לעטלענדישער רעפּובליק.

אַ באַזונדערש־וויכטיקע געשעעניש איז געווען לעטלאַנדס אָנערקענונג „דע־יורע" מצד די אַנטאַנטע־מלוכות, וועלכע איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, דעם 26. יאַנוואַר 1921. די צוגרייטונג און די גרויסע באַדייטונג פון אָט דער אָנערקענונג וועלן מיר באַריכות באַטראַכטן.

די פראַגע וועגן לעטלאַנדס יורידישער אָנערקענונג איז אויפגעשוואומען שוין אין יאָר 1919. שוין דעמאָלט איז פאָרגעשטעלט געוואָרן אַ געהעריקער מעמאָראַנדום צום אַמעריקאַנער פּרעזידענט ווילסאָן מצד דעם „קאָמיטעט צו שטודירן די לעטישע פראַגע", „Comité d'Etudes de la Question Lettone". אָט דער קאָמיטעט, צו וועלכן עס האָבן געהערט פיל חשובע געלערנטע, האָט אָנגעוויזן אין זיין מעמאָראַנדום, אַז דאָס באַגאַבטע לעטישע פאָלק, וואָס האָט אַליין אויסגעקעמפט זיין פרייהייט, איז פולשטענדיק מסוגל צו פירן אַ מלוכה־לעבן און לעטלאַנד דאַרף אומבאַדינגט רעכטלעך אָנערקענט ווערן.

אַ גרויסע סימפּאַטיע צו לעטלאַנד האָט דעמאָלט אויך אַרויסגעוויזן די „ליגע לטובת די ניי־געגרינדעטע ראַנד־מלוכות", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די פּראָפעסאָרן פון גענפער אוניווערסיטעט. אויך די שווייצאַרישע פּרעסע און די פּרעסע פון אַנדערע לענדער האָט דערהויבן איר אויטאָריטעטע שטימע פאַר די גערעכטע פאָרערונגען פון דער לעטלענדישער נאַציע, און דאָט דערציילט דער גאַנצער וועלט די אַלזייטיקע דערגרייכונגען פון לעטישן פאָלק.

די לעטלענדישע דיפּלאָמאַטיע הויבט אָן אַרויסצואווייזן אַקטיוויטעט אין אָט דער פראַגע ערשט שפּעטער. האָבנדיק הינטער זיך אַ גאַנצע ריי גלענצנדיקע דערפאָלגן, פאָרט אַרויס ז. מייעראָוויץ אין האַרבסט 1920 קיין אויסלאַנד, רעגולירן די פראַגע וועגן „דע־יורע". באַזוכנדיק מערערע אייראָפּייאישע פּאָליטישע צענטרען, געלינגט אים, אין פּערזענלעכע געשפּרעכן מיט די אָנגעזעענסטע מלוכה־מענער, צו געווינען זייער סימפּאַטיע פאַר לעטלאַנד. דעם 24־טן דעקאַבר 1920 איז מייעראָוויץ אויפגענומען געוואָרן אף אַ לייגגערע אוידיענץ אויך באַם איטאַליענישן קעניג, און עס איז געזיכערט געוואָרן איטאַליענס אַקטיווער איינשטעלן זיך פאַר לעטלאַנדס „דע־יורע"־אָנערקענונג. די איטאַליענישע רעגירונג, וועלכע האָט

די אַקטיווכטע טוערס פון דער אויסערן־אָפּטיילונג זיינען געווען דער פּאָרזיצער פון אָט דער אָפּטיילונג י. גאָלדמאַנים און די סעקרעטאַרן י. סעסקים און א. דאָבּעלים. י. סעסקים האָט געפירט אַלע ענינים, וואָס האָבּן א שייכות צו אויסלאַנד און צו די אויסלענדישע פּאַרטרעטער, אָבּער א. דאָבּעלים האָט פּראָפּאַגאַנדירט לעטלאַנד צווישן די לעטן גופא און אויך אין דער רוסישער פּרעסע און געזעלשאַפט.

דער סעקרעטאַר י. סעסקים האָט אינפאָרמירט די פראַנצויזישע פּרעסע, און האָט אַליין ווי אויך אין באַגלייטונג פון אַנדערע באַזוכט די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן און קאָרעספּאָנדענטן פון אויסלענדישע צייטונגען. די מעמאָראַנדומס, וואָס זיינען אָנגעגעבּן געוואָרן צו די גרויס־מאַכטן האָט איבּערזעצט און טיילווייז אַליין צוזאַמענגעשטעלט י. סעקסים, וועמען עס האָט שפּעטער געהאָלפן אין דער אַרבּעט דר. אָ. גראָסוואַלד. *)

די אויסערן־אָפּטיילונג האָט זיך אין פּעטערבּורג געפונען אין דער דירה פון דעם געוועזענעם לעטישן דעפּוטאַט פון דער רוסישער מלוכה־דומע י. גאָלדמאַן.

די אויסערן־אָפּטיילונג האָט זיך ענדע 1917 יאָר געשטעלט אין איינגערע פּאַר־בּינדונגען מיט די פּאַרטרעטער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָט איבּערגעגעבּן די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטישע פּאַרטרעטונגען די דעקלאַרירונג פון דער לעטלענדישער מלוכה, וואָס דער לעטישער צייטווייליקער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אָנגענומען אַף זיין ערשטער סעסיע און אויך דעם פּראָטעסט קעגן דער צוטיילונג פון לעטלאַנד, ווי אויך א גרויסן מעמאָראַנדום וועגן דער געאָגראַפישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער לאַגע פון לעטלאַנד.

ריידנדיק וועגן די ערשטע טריט פון דער לעטלענדישער דיפּלאָמאַטיע, דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז אין 1917 יאָר האָט דער פּעטערבּורגער לעטישער פליטים־קאָמיטעט רעלעגירט קיין סטאָקהאָלם, פּאַריז און לאָנדאָן י. טשאַקסטע און ז. מייעראָוויץ צו פּאַרטיידיקן די לעטישע אינטערעסן. זיי האָבּן אויך אָנטייל גענומען אין די ווערסאַלער שלום־פּאַרהאַנדלונגען.

שפּעטער האָט ז. מייעראָוויץ אַלס באַפולמעכטיקטער פון נאַציאָנאַל־ראַט דער־גרייכט לעטלאַנדס אָנערקענונג דע־פאַקטאָ מצד ענגלאַנד.

---

*) דר. א. גראָסוואַלד איז דערנאָך געווען געזאַנדטער אין פראַנקרייך. אויך איצט איז ער געזאַנדטער. י. סעסקים איז א לייגגערע צייט געווען געזאַנדטער אין מאָסקווע. איצט איז ער דער פּרעסע־שעף פון אויסערן־מיניסטעריום.

טריט און האָט געלייגט דעם יסוד פון דער לעטישער אַקטיווער דיפּלאָמאַטיע. דאָס ערשטע און דאָס וויכטיקסטע וואָס אָט די אָפּטיילונג האָט אונטערנומען, איז געווען צו שיקן דעלעגאַציעס צו די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער אין פּעטערבורג, מיטן ציל אַלזייטיק צו אינפאָרמירן זיי וועגן לעטישן פאָלקס־לעבן און באַקענען מיט די פּאָליטישע פאָדערונגען פון די לעטן.

די וויכטיקסטע דיפּלאָמאַטישע געשפּרעכן זיינען פאָרגעקומען מיטן רעדאַקטאָר פון דעם פראַנצויזישן זשורנאַל „Le Journal de Russie" מ. אנמאָנעללי (דעם 2 סענטיאַבר 1917), מיטן שוועדישן געזאַנטן גענעראַל בראַנשטרעם (30 דעצעמבער 1917),



ז. מייעראָוויץ
ערשטער לעטל. אויסערן־מיניסטר.

מיטן אַמעריקאַנער געזאַנדטן דאַוויס ר. פראַנצים (8 יאַנואַר 1918) און מיטן ענגלישן Chargé d'affaires פ. אָ. לינדליי (9 יאַנוואַר 1918).

עס איז געווען ניט לייכט צו איבערציינגן די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער, אַז די „גרויסע" רוסלאַנד קען און דאַרף געטיילט ווערן און אַז אויך די קליינע פעלקער האָבן רעכט אַף אַ זעלבשטענדיקן פּאָליטישן לעבן. ווען מען נעמט אין באַטראַכט די פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספערע פון יענער צייט, ווי אויך די גרויסע קאָנגנזאַצן פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן, דאַן ווערט קלאָר, וואָס פאַר אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג עס האָבן געהאַט אָט די דיפּלאָמאַטישע געשפּרעכן און אונטער־האַנדלונגען, וואָס האָבן געפירט צו פּאָזיטיווע פאָלגן.

אין די דעלעגאַציעס צו די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן האָבן זיך באַטייליקט י. סעסקים, גאָלדמאַנים, ז. מייעראָוויץ, אַ. בערג און י. קרייצבערג.

# 5. ערשטע דיפלאָמאַטישע שריט.

די היינטיקע דיפלאָמאַטיע האָט מיט קליינע אויסנאַמען אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווי די פריערדיקע, פאַר-מלחמהדיקע. עס איז געווען אַ צייט, ווען די געשיכטע און אויך די פּאָליטיק האָבן גערעדט נאָר וועגן מאָנאַרכן, העלדן א. א. וו., אָבער ניט וועגן פאָלק. די געשיכטע האָט געשילדערט די פאַרשיידענע פּאָליטישע און אַנדערע געשעענישן נאָר אַלס רעזולטאַט פון דעם ווילן און אַרבעט פון איינצעלנע יחידים, און די ראָל פון די פעלקער איז אינגאַנצן ניט גענומען געוואָרן אין אַכט. דעמאָלט האָט זיך אויך די דיפלאָמאַטיע נישט גערעכנט מיטן פאָלקס ווילן און שטרעבן, און אירע אַלע מעשים זיינען געווען פונם פאָלק פאַרבאָרגן. דאָס איז די עפּאָכע פון דער אַזוי גערופענער **געהיימער דיפלאָמאַטיע**.

נאָכן וועלט-קריג האָבן אָבער די אייראָפּייאישע פעלקער בכלל, און די פעלקער פון די ניי-געגרינדעטע דעמאָקראַטישע מלוכות בפרט, אָנגעהויבן צו זאָגן זייער שאַרפן וואָרט אין דער פּאָליטיק, און אַרויסצואווייזן זייערע אַקטיווע מעשים אין בויען און פאַרשטאַרקן זייער עתיד. אין דער צייט, קען שוין קיין פולשטענדיק געהיימע דיפלאָמאַטיע ניט עקסיסטירן, ווייל די דיפלאָמאַטישע פאַרטרעטער זיינען די פאָרשטייער פונם פאָלק, אָבער ניט פון אַליינהערשער.

אויך די געוועזענע צאַרישע רוסלאַנד האָט געפירט אַ געהיימע דיפלאָמאַטיע, און די פאָלגן דערפון האָבן זיך דערנאָך געשטעלט, ווי שטיינער אין וועג, דער לעטלענדישער מלוכה. רוסלאַנד האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו אינפאָרמירן די אויסלענדישע פאָרשטייערס וועגן די שטרעבונגען, וועגן דער קולטור, און בכלל וועגן דעם לעבן פון די רוסן און פון די אַנדערע פעלקער פונם געוועזענעם רוסלאַנד. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אפילו נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, האָבן די אויסלענדישע דיפלאָמאַטישע פאָרשטייער ניט אינגאַנצן באַנומען, וואָס עס איז אַזוינס פאָרגעקומען.

און אָט, ווען עס האָבן נאָכן וועלט-קריג גענומען שאַפן זיך די נאַציאָנאַלע ראַנד-מלוכות, האָט די וועלט וועגן די פעלקער פון די ראַנד-מלוכות גאָרנישט ניט געוואוסט און עס איז געווען זייער שווער פאַר די גרויס-מאַכטן צו באַשטימען זייער שטעלונג, צו דער באַפרייאונג פון אָט די פעלקער. דערפאַר טאַקע איז געווען די ערשטע אויפגאַבע פון די דיפלאָמאַטישע טוערס פון די נייע מלוכות, ובתוכם אויך פון לעטלאַנד, געהעריק צו אינפאָרמירן די פּאָליטישע וועלט און שילדערן דעם נאַציאָנאַלן-קולטורעלן לעבן, ווי אויך דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב פון זייערע פעלקער.

צוליב דעם צוועק האָט זיך אויך געגרינדעט די לעטישע אינפאָרמאַציע-ביוראָ אין סטאָקהאָלם און די אויסערן-אָפּטיילונג פון לעטישן נאַציאָנאַל-ראַט אין פּעטערבורג.

אויב די אינפאָרמאַציע-ביוראָ אין סטאָקהאָלם האָט זיך באַשעפטיקט בעיקר מיט שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע פאַר לעטלאַנד: מיטן אַרויסגעבן בראָשורן, דרוקן אַרטיקלען א. א. וו., האָט אָבער די אויסערן-אָפּטיילונג אין פּעטערבורג שוין געשטעלט ווייטערע

5 מיטגלידער און 22 עקספערטן. דעם 16 אַפּריל האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען און דעם 11 אַווגוסט 1920 יאָר איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער פרידנס־אָפּמאַך. דעם 15 יולי 1920 איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער שלום־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד און באַלד זיינען אויך אנטגילטיק באַשטימט געוואָרן דורך א שידס־געריכט לעטלאַנדס גרעניצן מיט די שכנים — ליטע און עסטלאַנד.

דערמיט האָט זיך אויך פאַרענדיקט לעטלאַנדס אויסערגעוויינלעך שווערער מי־ליטערישער קאַמף און דער לעטלענדישער פאָלק האָט באַקומען די מעגלעכקייט אף א פרידלעכן אופן צו בויען זיין ליכטיקן עתיד און די פרייע דעמאָקראַטישע לעטלענדישע רעפּובליק.



לעטלענדישער קריגס־מוזיי.

פעלד. בערמאָנטס חיל האָט געוואָלט אריבער אף דער זייט דווינע, אָבער די לעטן האָבן עס פאר קיין פאל ניט דערלאָזן. זיי האָבן ממש מיט זייערע קערפערס פארשטעלט די הויפט-שטאָט פון דעם שונא'ס קוילן. אפן ברעג פון דווינע זיינען געלעגן בערג מיט טויטע קערפערס. און עס זיינען רק צוגעקומען באַגלייטע, און באַוואָרפענע מיט בלומען פרישע, פרייוויליקע מחנות צו דערפילן די שיטער געוואָרענע רייען. די העלדישקייט און דעם פאטריאָטיזם פון די לעטן איז פשוט געווען צו באַוווּנדערן! יעדער גרויסער פאָלק האָט זיך דאָן געקענט א מוסר אראָפּנעמען פון די קליינע לעטישע נאַציע, װאָס גייט אויס אין בלוט פאר איר פרייהייט, פאר איר אומאָפּהיינגיקייט. אפשר האָט אויך דאָס מיטגעהאָלפן אין א געוויסער מאָס, אז די פאַרבינדעטע זאָלן זיך אָננעמען די קריוודע פון דעם קליינעם אין צאָל, אָבער שטאָלצן לעט. פאָלק.

לויט דער השתדלות פונם שעף פון דער ענגלישער מיליטערישער מיסיע, גענעראל בערט, איז דער פלאָט פון די פאַרבינדעטע ארויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן בערמאנטן.

דעם 15-טן אָקטאבער האָט די ארטילעריע פון די פראַנצויזישע און ענגלישע שיפן אונטער דער קאמאַנדע פון פראנצויזישן קאמאנדיר בריסאָן, געעפנט א פייער איבער די ערשטע רייען פון בערמאנטס חיל און די לעט. ארמיי האָט זיך אריבערגעהויבן איבערן דווינע אף גרויסע שיפן און האָט פארנומען באָלדעראַ און אוסט-דווינסקער פעסטונג. פון דעם מאָמענט הויבן זיך אָן די כסדרדיקע נצחונות פון דער לעטישער ארמיי, װעלכע פארנעמט איין פאָזיציע נאָך דער אַנדערער. דעם 4-טן נאוועמבער פרואווט בערמאנט פארנעמען ליבוי, אָבער דער ליבווישער גארניזאן צוזאמען מיט דער אטילעריע פון ענגלישן פלאָט גיט אים א מוטיקן צוריקקלאַפּ. דעם 10-טן נאָוועמבער פארנעמען די לעטן זאסנהאָף און שוין דעם 11-טן נאָוועמבער טאָרנסבערג. אף אזא אופן איז דעם 11-טן נאָוועמבער ריגע באַפרייט געוואָרן פון בערמאנטן.

דער לעט. חיל פארפאָלגט ווייטער דעם שונא און דעם 21-טן נאָוועמבער גייען די לעטן אריבער דעם ליטווישן גרעניץ און פארנעמען זשאגער. אין 3 וואָכן צייט ווערן די דייטשן ארויסגעטריבן פון גאַניץ קורלאַנד און זעמגאלן און לעטלאנד קען צוטרעטן צום קאַמף מיטן לעצטן פארבליבענעם שונא — די באָלשעוויקעס, וואָס פארנעמען נאָך צו דער צייט א גרויסע טייל פון לאטגאליע.

די לעטישע ארמיי האָט אָבער דאָך ניט געקענט נאָך מיט די אייגענע קרעפטן באפרייען לאטגאליע און זי האָט געשלאָסן א אָפּמאַך מיט פוילן, אז דער פוילישער מיליטער זאָל העלפן. דער לעט. פוילישער מיליטער אונטער דער אויבערקאָמאנדע פון פוילישן גענעראל רידז שמיגלע, האט דעם 3-טן יאַנוואַר געמאַכט א ענערגישן אָנגריף. דעם זעלביקן טאָג האָבן די לעטן פארנומען סטאנציע ליקסנא (10 ווערסט פון דווינסק), און 2 אַז. נאָכמיטאָג זיינען די פאָליאַקן אריין אין דווינסק. די פאראייניקטע לעטיש-פוילישע ארמייען האט זיך גערוקט רק פאראויס און די גרויסע פארלוסטן, וואָס די באָלשעוויקן האָבן געהאַט האָבן זיי געצוואונגען צו שליסן אַן אָפּמאַך פון וואפנשטילשטאנד, וואס האט געזאלט ארייןטרעטן אין קראַפט דעם 1-טן פעווראל 12 אזייגער באַטאָג.

אין א צייט ארום האָט זיך דער רוסל. אויסערן-קאָמיסאַר טשיטשערין געווענדעט צום לעטלענדישן אויסערן-מיניסטעריום מיט א פאָרשלאָג אָנצוהויבן פרידנס-פארהאנדלונגען. דער לעטל. אויסערן-מיניסטעריום האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען און דעם 10 אפריל איז ארויסגעפאָרן קיין מאָסקווע די לעט. פרידנס-דעלעגאַציע אין באשטאַנד פון

ווענדעט צו דער פרידנס־קאָנפערענץ אין פאריז, און צום העכסטן קריגס־ראַט פון די פאַר־בינדעטע. אָט די טעלעגראַמע האָט זיך געענדיקט מיט פאָלגנדע ווערטער:

„די לעטישע רעגירונג פּראָטעסטירט פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט קעגן דייטשלאַנדס פאַרניכטנדע פּאָליטיק, און קעגן דעם אָנגריף פון דייטשן מיליטער און פון בערמאָנט־אַוואַלאָוו אַף אונדזער אַרמיי און אונדזער טעריטאָריע. די לעט. רעגירונג בעט אַלע רעגירונגען און די נאַציעס פון דער גאַנצער וועלט שטעלן זיך אין דעם קאָנפליקט, אין וועלכן מיר זיינען ניט שולדיק, אַף דער זייט וואו דער אמת איז. מיר דערקלערן פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, אַז די לעטישע נאַציע און איר רעגירונג וועט פאַרטיידיקן איר אומאָפּהענגיקייט קעגן די אונטער־דריקער ביזן לעצטן טראָפּן בלוט".

ריגע, דעם 8. אָקטאָבער 1919.

מיניסטער־פּרעזידענט אולמאַניס.
אויסערן־מיניסטער מייעראָוויץ.

און באמת, דער לעטישער פאָלק האָט זיך דער גאַנצער געשטעלט אין קאַמף קעגן בלוטיקסטן שונא, ניט נאָר פון ריגע, אָבער אויך פון אַלע אַנדערע שטעט און דער־פער פלעגן קומען מאַסנווייז פרייוויליקע. יעדערער האָט געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. צווישן די פרייוויליקע זיינען געווען אַסך זקנים און יונגע אינגלעך. מינדעריעריקע שילער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין באַזונדערע סקויטן־טיילן און האָבן געדינט אַלס ידיעה־טרעגערס. פרויען האָבן זיך אָרגאַניזירט אין א „פרויען הילף־קאָרפּוס", וואָס האָט געגרייט עסן פאַר די סאָלדאַטן. סטודענטן האָבן געגרינדעט א באַזונדערן סטודענטן־באַטאַליאָן. אויך מערערע אידישע סטוד. האָבן אין אָט דעם באַטאַליאָן אָנטיילגענומען. צווישן די געפאַלענע סטודענטן איז אויך געווען דער אידישער אָפיצער פרידבערג.

אַלע רעזערוון זיינען צונויפגענומען געצויגן געוואָרן אַפן פראָנט, און שוין דעם 9 אָקט. איז די לעטישע אַרמיי אַריבערגעגאַנגען אין אָנגריף. אין דעם זעלביקן טאָג פון אָוונט זיינען אויך אָנגעקומען צו הילף צוויי עסטנישע געפּאַנצערטע צוגן, וואָס האָבן דעם 10 אָקט. גע־האָלפן פאַרטיידיקן די ריגער בריקן קעגן די דייטשן. די עסטן האָבן אָבער זייער הילף באַלד אָפּגעצויגן צוריק, ווייל מען איז ניט מושוה געקומען אַף זייערע צו הארבע פאָדערונגען באַם שליסן א מיליטער־קאָנווענציע.

דעם 9 אָקט. נאָכן לעט. אָנגריף, זיינען צו די דייטשן צוגעקומען שטאַרקע הילפס־קרעפטן, און זיי האָבן די לעטן אָפּגעשלאָגן צוריק און זיך גענומען באַוועגן צו טאָרנסבערג. דער לעט. הויפּט־קאָמאַנדיר האָט געגעבן א באַפעל דעם רעכטן פלאַנג אָפּצו־טרעטן, אָבער דעם לינקן פלאַנג אָפּצוהאַלטן דעם שטאַרקן אָנגריף פון שונא ביז אַף דעם רעכטן ברעג פון דווינע וועלן ווערן פאַרטיק די שוץ־גראָבנס און די דראָט־פאַרצאַמונגען. דעם 9 אָקט. אינאָוונט איז פון ריגע אַוועקגעפאָרן קיין ווענדן די צייטווייליקע רעגירונג און די גרעסטע טייל פון די מיטגלידער פון פאָלקס־ראַט. דעם 10 אָקט. אינדערפרי זיינען פון יענער זייט דווינע אַריבער איבער די בריקן די לעצטע לעטישע פאָלקן, וואָס האָבן גלייך פאַרנומען די פּאָזיציעס אַפן רעכטן זייט. גאַנץ ריגע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א שלאַכט־

די פאַרבינדעטע רעמאָלט (1919) געשטיצט די ווײַסע אַרמײען פון גענעראַל יודעניטש, גענ. דעניקין, אַדמיראַל קאָלטשאַק א. א. אין אָט האָבן פאַרשײדענע גרופּעס פון די דײַטשע גרויסאינדוסטריעלער און פינאַנסיסטן, ווי אויך די באַלטישע באַראָנען, גענומען שאַפן אוקלבע רוסישע מיליטער־אָפּטײלונגען מיט דער האָפענונג, אַז צוליב דעם וועלן זײ דערנאָך באַקומען אַ גוטן אָפּזאַץ־מאַרק אין דער באַנײַטער רוסישער מאָנאַרכיע און, אַז די רוסישע מאָנאַרכיע וועט זײ דערנאָך אויך העלפן באַנײַען דעם דײַטשן טראָן. צו זײ האָבן זיך אויך פאַראײניקט די רוסישע מאָנאַרכיסטן און עס איז געשאַפן געוואָרן די אַזוי גערופענע „רוסישע מערב אַרמײ“ אונטער דער אָנפירונג פון צאַרישן פּאָלקאָווניק בערמאָנט־אָוואַלאָוו. די אַרמײ האָט געדאַרפט דורכגײן דורך די באַלטישע לענדער, קעמפן מיט די באָלשעוויקעס. בערמאָנטס אַרמײ איז באַשטאַנען ווי פון די דײַטשע אײַזערנע דיוויזיעס, אַזוי אויך פון געוועזענע אין דײַטשלאַנד רוסישע קריגס־געפאַנגענע און פרײַוויליקע פון די רוסישע עמיגראַציע־קרײַזן.

דאָ מוז מען באַמערקן, אַז די דײַטשע רעגירונג האָט אָפיציעל געמעלדעט, אַז זי האָט צו דער אַרמײ קײן שום שײַכות ניט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אַן אַרמײ, וואָס האָט זיך געשטיצט פון אײן זײַט אויף די רוסישע און דײַטשע מאָנאַרכיסטן, און פון דער אַנדערער זײַט אויף די פאַרבינדעטע.

די לעטישע רעגירונג האָט גוט פאַרשטאַנען דעם אמתן מין און דעם זין פון בערמאָנטס אַרמײ, מען האָט געקענט פאָרויסזען, אַז דאָ ווערט געשטעלט אין קאָן דער גורל פון לעטלאַנדס עקסיסטענץ, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן דורך אַזוי פיל מי און אַזוי פיל פאַרגאָסענע בלוט. לעטלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו גרײטן צום קאַמף. מען האָט גענומען צוזאַמענקלײַבן דאָס לעצטע ביסל געווער, און שאַפן נײַע, שטאַרקע מיליטער־טײלן. דעם רעפאָרמירטן דײַטשן לאַנדעסווער האָט מען אַוועקגעשיקט פון טוקום צום באָלשעוויסטישן פראָנט אין לאַטגאַליען, און צו ריגע האָט מען געבראַכט די ליפלענדער דיוויזיע פון פּאָלקאָווניק זעמיטאַן. אין אָקטאָבער מאָנאַט זענען אויך אָנגעקומען די געקויפטע אין אַמעריקע און פראַנקרײַך פליגטן און אַנדערע קריגס־מאַטעריאַלן.

בערמאָנט האָט לאַנג אויף זיך ניט געלאָזט וואַרטן. דעם 7־טן אָקטאָבער באַנאַכט זײַנען אין מיטווי פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן מודעות, אַז אַזוי ווי די דײַטשן גײען אַוועק פון קורלאַנד, וועט פון איצט אָן איבער לעטלאַנד רעגירן די פרײַוויליקע מערב־רוסישע אַרמײ פון אויבערקאָמאַנדיר פּאָלק. בערמאָנט־אָוואַלאָוו.

גלײַך אויף מאָרגן אינדערפרי (דעם 8 אָקטאָבער) האָט די לעטל. רעגירונג באַקומען אַ מעלדונג פון בערמאָנטן, אַז ער מיט זײַן מיליטער גײט אויף ריגע כדי אויסצורײניקן לעטלאַנד פון די באָלשעוויקעס, וואָס געפינען זיך דאָרט. אויף דעם האָט די לעטל. רעגירונג געענטפערט, אַז מיט די באָלשעוויקעס אין לעטלאַנד וועט די לעט. אַרמײ אַלײן פאַרטיקווערן; אין רוסלאַנד זײַנען דאָ מערער באָלשעוויקן, און דערפאַר וואָלט פאַר די פרײַוויליקע רוסישע אַרמײ געווען גלײַכער צו גײן פון דאָרטן טרײַבן באָלשעוויקן.

דעם זעלביקן טאָג (דעם 8 אָקטאָבער) זײַנען בערמאָנטס אָפּטײלונגען אַריבער די נײטראַלע זאָנע און אין אַפּאָר שעה אַרום האָט בערמאָנטס חיל אָנגעהויבן אַן אָנגריף איבערן גאַנצן פראָנט.

די לעט. רעגירונג האָט זיך גלײַך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג און געבעטן הילף. מיט אַ טעלעגראַפישער ידיעה האָט זיך די רעגירונג אויך גע־

אוועק צו מיטוי און דער לאַנדעסווער האָט זיך אײנפּלאַצירט הינטער ריגע. שוין דעם 6 יולי 5 אזײגער נאָך מיטיק זײנען אַרײַן אין ריגע די אָפּטײלונגען פון דער לעט. צפון=ארמײ אונטער דער אָנפירונג פון פּאלקאווניק זעמיטאַן, וועלכע זײנען באַגעגנט געוואָרן אף די ריגער גאַסן דורך א ריזיקן עולם און דורכן הויפּט=קאָמאַנדיר פון דער לעט. דרום=אָרמײ פּאָלק. באַלאַדים מיט זײן שטאַב.

דעם 8 יולי, דרײ אזײגער נאָכמיטיק איז מיטן שיף „סאַראַטאָוו" אויך אָנגע=קומען קײן ריגע די צײטווײליקע רעגירונג מיט קארל אולמאַנים בראש.

דער ערשטער שריט פון דער רעגירונג איז געווען צו פאַראײניקן די פאַרשײדענע מיליטער=טײלן אין אײן אײנהײטלעכער ארמײ און דעם 10 יולי איז צוליב דעם באַשטימט געוואָרן אלס הויט=קאָמאַנדיר איבער דער גאַנצער לעט. ארמײ גענעראַל סימאַנסאָן. לויט דער באַשטימונג פון דער אנטאַנטע איז צו דער לעטישער ארמײ אויך צוגערעכנט געוואָרן דער לאַנדעסווער, וועלכן מען האָט אײנפּלאַצירט אין טוקום אונטער דער אויבערקאָמענדאַנט פון ענגלישן לײטענאַנט אלעקסאַנדער.

די פאַרבינדעטע און אויך די עסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אף ווײטער צו העלפן אופהאַלטן די לעטישע ארמײ, וואָס איז זיך אַזוי ברײט פונאַנדערגעוואַקסן און די עטוואָס רעפּאָרמירטע (מיטן אַרײַנטרעטן פון 2 דײטשע מיניסטאָרן און מלוכה=קאָנטראָליאָר פּראָפ. פּ. מינץ) צײטווײליקע רעגירונג האָט אָנגעשטרענגט אלע כחות די ארמײ אופצוהאַלטן. ווען מען זאל נעמען אין אכט די פאַראָרימטקײט פון לאַנד דורך דער מלחמה, וועט קלאָר זײן, ווי שווער עס איז געווען פאַר דער רעגירונג צו יענער צײט אזא גרויסע ארמײ אופצוהאַלטן.

די פאַרשײדענע שואים, מיט וועלכע לעטלאַנד איז געווען פון אלע זײטן אַרומגערינגלט, האָבן געצוואונגען אזא ארמײ אופצוהאַלטן. צו לעטלאַנדס שונאים פון יענער צײט דאַרפן אויך צוגערעכנט ווערן די רוסישע מיליטער=אָפּטײלונגען פון פירשט אַנאַטאָליװען. אָט די מיליטער=טײלן זײנען פאָרמירט געוואָרן אין דײטשלאַנד און זײ האָבן שוין כמעט געהאַט אויסגעפּועלט בא די פאַרבינדעטע מען זאָל זײ לאָזן אויסשטעלן בא דווינסק א פראָנט קעגן די באָלשעוויקעס. נאָך א שאַרפן פּראָטעסט פון דער לעטלענדישער רעגירונג איז מען אָבער געצוואונגען געווען אָט די אָפּטײלונגען אַריבערצוטראַנספּאָרטירן צו גענעראַל יודעניטשעס ארמײ, וואָס האָט אָפּערירט אין צפון=מערב רוסלאַנד בא נאַרווע.

ערגער און אַסך קאָמפּליצירטער איז עס געווען מיט די דײטשע אײזערנע דיוויזיעס, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן געזען, זיך אײנפּלאַצירט אין מיטוי און איר אומגעגנט. אלץ אָפטער און אָפטער האָבן זיך גענומען פאַרשפּרײטן די ידיעות, אז די דײטשן שטערן דעם פאַרקער מיטן באַן און דער טעלעגראַף=פאַרבינדונג, אז זײערע מיליטער=פּאַטרולן נעמען איבער אָפטע אומגעזעצלעכע דאָקומענטן=קאָנטראָלן און לסוף — אז זײ איזדעקעווען זיך שוין אפילו איבער די לעטלענדישע מיליטער=קאָמענדאַנטורן. באַלד האָבן זיך אויך פאַרשפּרײט קלאַנגען, אז אין מיטוי קומען אָן נײע דײטשע מיליטער=אָפּטײלונגען. אָט די קלאַנגען זײנען אין א געוויסער מאָס געווען ריכטיקע.

דײטשלאַנד, וואָס האָט פאַרשפּילט דעם וועלט=קריג, האָט זיך געסטאַרעט פאַר יעדער פּרײז צו געווינען אין מזרח דאָס, וואָס זי האָט אָנגעוואָרן אין מערב. צוליב דעם צוועק האָט זי אף א זעלטן אינטערעסאַנטן אופן געפּרואווט אויסנוצן דעם אין יענער צײט אָנגעשטרענגטן ווילן פון דער אנטאַנטע צו באַנײען די רוסישע מאָנאַרכיע. ווי באַקאַנט, האָבן

קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס מיטן ליטווישן חיל, וועלכער איז אריבערגעגאַנגען דעם לעטישן גרעניץ בא אקניסט.

אין ענין פון די לעטן מיט די דייטשן האָט דער פאָרזיצנדער פון דער וואָפנשטילשטאַנדס-קאָמיסיע פון די פאַרבינדעטע אין שפּאַא דעם 19 יוני איבערגעגעבן דעם דייטשן פאַרשטייער פון דער קאָמיסיע אַ אַנטשפּרעכנדע נאָטע. די נאָטע איז געווען א רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען, וואָס די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון דער אַנטאַנטע האָבן געפירט מיט ביידע קעמפנדע צדדים. אין אָט דער נאָטע איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון די ארמייען פון דער אַנטאַנטע מאַרשאַל פאָש טעלעגראַפירט אין נאָמען פון די פאַראייניקטע און פאַרבינדעטע רעגירונגען, אַז זיי בעטן די דייטשע רעגירונג אפן סמך פון 12-טן פונקט פון וואַפנשטילשטאַנדס-אָפּמאַך זי זאָל גלייך אָננעמען שריט דער דייטשער חיל זאָל זיך ניט באַוועגן צו צפון-זייט — קעגן עסטלאַנד, ווי אויך, אַז די דייטשן זאָלן גלייך פאַרלאָזן ווענדן און ליבוי. ניט קוקנדיק אף דעם, האָט אָבער דער דייטש-באַלטישער לאַנדעסווער צוזאַמען מיט דער דייטשער אייזערנער דיוויזיע, וועלכע האָבן זיך פאַר דער צייט גוט צוגעגרייט, אריבער דעם 19-טן יוני אין אָנגריף און אין צוויי טעג אַרום דורכגעריסן דעם לעטישן פראָנט. די לעטן האָבן זיי זיך געלאָזן באַוועגן אף פאָרויס, אָבער גלייכצייטיק זיך איינגער פאַראייניקט מיט די עסטן און אַרומרינגלענדיק די דייטשן מיט א מיליטערישן האַלב-קרייז דעם 22 יוני זיי געגעבן אַן אַנטגילטיקן קלאַפּ, וואָס האָט זיי געצוואונגען אָנצוהויבן אַן אָפּטריט אפן גאַנצן פראָנט. דער קלאַפּ איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט שוין געקענט אף זיכער באַהויפּטן, דאָס דער לאַנדעסווער וועט מער קיין כח ניט האָבן זיך צו שטעלן אַנטקעגן. גלייך נאָכדעם זיינען די דייטשן געצוואונגען געווען, לויט א באַפעל פון די פאַרבינדעטע צו פאַרלאָזן ליבוי אוז זיי זיינען פון ליבוי אוועק קיין ווינאָדן און גראָבין. באַלד נאָך די דייטשנס אוועקגיין איז אריין אין ליבוי אונטער דער רוסישער פאָן אַ „אָטריאַד“ פון פירשט ליווענס חיל אונטערן אָנפירונג פון פּאָלקאָווניק קאָנעפּאַ. דאָס איז אָבער געווען ניט מער ווי א קליינער אומוויכטיקער עפּיזאָד, ווארום אפן פראָטעסט פון דער צייטווייליקער רעגירונג האָבן די פאַרבינדעטע געלאָזן אין ליבוי אָט דעם „אָטריאַד“ נאָר ביז דער צייט, ווען עס איז אָנגעקומען א אָפּטיילונג פון דער לעט. צפון-ארמיי. די מפּלה פונס דייטשן חיל, ווי אויך די ידיעה וועגן ווערסאַלער שלום-אָפּמאַך, וואָס איז אָנגעקומען דעם 24-טן יוני האָט שטאַרק א וואַקל געטאָן דעם מצב פון ניעדראַס רעגירונג, און דעם 26 יוני איז ניעדרא מיט זיין גאַנצער רעגירונג אַנטלאָפן פון ריגע.

דעם 27-טן יוני אינדערפרי האָט דער מיט א טאָג פריער אָנגעקומענער פון רעוועל מיליטערישער פאָרשטייער פון די פאַרבינדעטע דער ענגלישער גענעראַל גאָף אַרוים-געלאָזן אין ליבוי א מורעה, וואו ער דערקלערט, אַז עס ווערט צוריק אופגעשטעלט אין אירע רעכטן די פריערדיקע לעטישע רעגירונג. דעם זעלבן טאָג 6 אזייגער נאָך מיטיק איז פאָרגעקומען דער אָפיציעלער רעסטאַווראַציע-אַקט פון דער לעט. צייטווייליקער רעגירונג.

דעם 30 יוני איז אף 3 ענגלישע שיפן פון רעוול אָנגעקומען קיין ליבוי א גרויסער טייל פון דער לעטל. צפון-אַרמיי. דער אַנדער טייל פון אָט דער ארמיי איז געגאַנגען ווייטער אין זיין אָנגריף אף ריגע קעגן די דייטשן. דעם 1-טן יולי האָבן די לעטן און די עסטן באַשאָסן פאַרשיידענע שטאָט-טיילן. דעם 3 יולי איז אין סטראַזדענהאָף אונטערגעשריבן געוואָרן א וואַפנשטילשטאַנדס-אָפּמאַך, לויט וועלכן די דייטשע אייזערנע דיוויזיע פאַרפליכטעט זיך צו פאַרלאָזן גלייך די לעטלענדישע טעריטאָריע און דער לאַנדעסווער ווידער, מוז ניט שפּעטער ווי דעם 5-טן יולי פאַרלאָזן ריגע און אריבערגיין אף יענער זייט דווינע. דער אָפּמאַך איז באמת רעאַליזירט געוואָרן. די דייטשע אייזערנע דיוויזיעס זיינען

מען איצט און זיך אַריבערהויבן איבער דעם אין טעלעפאָנאָגראַמע אָנגעוויזענעם גרעניץ. אף דעם האָבן די דייטשן געענטפערט מיט א פאָדערונג, אז די לעטישע און עסטנישע חילות זאָלן תיכף ומיד פאַרלאָזן די לעטלענדישע טעריטאָריע. דאָ איז שוין געוואָרן מער ווי צו קלאָר, אז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. און שוין דעם 5-טן יוני האָבן די עסטן אָפגעשיקט צו דער ווענדענער ריכטונג א געפּאַנצערטן צוג, וואָס איז צוגעפאָרן ביז איריקע און האָט דאָרט געעפנט א פייער איבער די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון לאַנדעסווער. דער לאַנ-




פּאָלקאָווניק י. זעמיטאַן
הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער לעטישער צפון-אַרמיי.

דעסווער האָט אָבער באַלד באַקומען שטאַרקע הילף און אפן אַנדער טאָג האָט ער אַרויסגעטריבן די לעטן און עסטן פון ווענדן. די פאַרביטערטע עקשנותדיקע קאַמפן צווישן ביידע צדדים האָבן געדויערט ביזן 10-טן יוני ווען אף דער אויפפאָדערונג פון די פאַרבינדעטע איז געשלאָסן געוואָרן א וואַפנשטילשטאַנד. די לעטישע אַרמיי האָט דערוויילע געיאָגט ווייטער די באָלשעוויקעס און דעם 10-טן יוני האָט זיך די לעטישע אַרמיי פאַראייניקט אין

פון דאָרטן האָט באַלד ניעדרא צוגעשיקט צום פּרעזידיום פון פאָלקס-ראַט פאָלגענדן בריוו, אין וועלכן ער זאָגט זיך אָפּ פון זײַן אַמט:

„דערמיט בין איך אייך מודיע, אז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער החלטה פון פאָלקס-ראַט, וואָס איז די טעג אָנגענומען געוואָרן, גיב איך איבער מײַנע פולמאַכטן אלס לעטלענדישער מיניסטער-פּרעזידענט און די רעגירונגס-מאַכט אין די הענט פון דעם פאָלקס-ראַט.

אנדריי ניעדרא.

12-טן מאַי 1919 יאָר.

באַלד אָבער האָט זיך ניעדראן אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן פון געפאַנגענשאַפט און ער האָט צוריק אָנגעהויבן „רעגירן" נאָך מיט מער מוט און אקטיוויטעט. ניעדרא האָט געשטערט אָף וויפיל ער האָט נאָר געקענט דער פאַרגרעסערונג פון דער לעט. ארמיי, וואָס האָט געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס. דערפאַר אָבער האָט ער אָף אזא אָדער אַנדער אופן מיטגעהאָלפן דער פאַרברייטערונג פון באַלטישן לאנדעסווער, צו וועלכן עס זײַנען רק צוגעקומען פרייוויליקע פון דייטשלאַנד.

ווען די רייטשע מאַכט האָט זיך שוין געהאַט גענוג פאַרשטאַרקט האָט זי באַשלאָסן ארויסצוטרײַבן צוריק די קאָמוניסטן פון לעטלאַנד, און שוין דעם 22-טן מאַי אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף אף ריגע.

די באַפרײַענדע ארמיי, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען די לעטן, דער לאנדעסווער און די דייטשע אײַזערנע-דיוויזיע האָט זיך באַוועגט אף פאָרויס אין פאָרם פון אַ האַלב-קרײַז און דעם זעלבן טאָג (22. מאַי) נאָכמיטיק זײַנען אין ריגע ארײַן די ערשטע אָפּטיילונגען פון דער דייטשער אײַזערנער דיוויזיע. באַם ברעג דווינע איז צווישן אַנדערע געפאַלן אין שלאַכט דער אַנפירער פון לאנדעסווער—באַראָן ה. מאַנטײפעל, און אף זײַן אָרט האָט זיך געשטעלט מאַיאָר פלעטשער.

אגב איז גלייך נאָכן פאַרנעמען ריגע אַהין געקומען אויך ניעדראס רעגירונג. די דייטשן האָבן אָבער געהאָלפן פאַרטרײַבן די באָלשעוויקעס נאָר ביזן ליפלענדישן גרעניץ. טיפער אין ליפלאנד און זעמגאַלן האָבן פאַרפאָלגט די באָלשעוויקעס דער עיקר די לעטישע פאַרטיזאַנען, — די אזוי גערופענע „גרינע ארמיי". כאָטש צפון ליפלאַנד איז שוין געווען פון די באָלשעוויקעס כמעט ווי באַפרייט דורך דער לעט. צפון-אַרמיי צוזאַמען מיט די עסטן, האָבן זיך אף אהין דאָך אַ לאָז געטאָן די מחנות פונם דייטש-באַלטישן לאַנדעסווער. אין רעכטן פלאַנג פון אָט די מחנות זײַנען ווידער געשטאַנען די שטאַרקע אָפּטיילונגען פון דער דייטשער אײַזערנער דיוויזיע.

נאָכדעם ווי די „גרינע אַרמיי" האָט פאַרטריבן די באָלשעוויקעס פון ווענדענער געגנט און די לעט. צפון-אַרמיי האָט פאַרנומען די שטאָט (ענדע מאַי) איז פּלוצלונג דעם 3-טן יוני אריין אַ-ין אַן אָפּטיילונג פון באַלטישן לאַנדעסווער. אף דער אויפפאָדערונג פון דעם שטאַב-שעף פון דער לעט. צפון-אַרמיי האָט די אָפּטיילונג פאַרלאָזן צוריק די שטאָט זי איז אָבער אָפּגעטראָטן ניט מער ווי אף 3 ווערסט און געוואַרט ביז עס וועלן אָנקומען פאַרשטאַרקטע אָפּטיילונגען, מיט וועלכע מען וועט זיך קענען שטעלן קעגן די לעטן. גלייך אַפן אַנדער טאָג — דעם 4-טן יוני האָט דער לעט. אויבערקאָמאַנדיר פון דער צפון-אַרמיי פאַלק. זעמיטאַן צוזאַמען מיטן אויבערקאָמאַנדיר פון די עסטנישע חילות פאַלק.-לייטענאַנט רעעק אָפּגעשיקט א טעלעפאָנאָגראַמע צו אַלע אָפּטיילונגען פון באַלטישן לאַנדעסווער מיט דער אויפפאָדערונג זיי זאָלן אין משך פון 12 שעה פאַרלאָזן די ערטער, וועלכע זיי פאַרנע-

די צוויי ארעסטירטע לעט. מיניסטאָרן זיינען באַלד באפרייט געוואָרן און האָבן זיך דעהקליבן צום שיף „סאַראַטאָוו", אַף וועלכן די צייטווייליקע רעגירונג פלעגט אונטערן שוץ פון די ענגלישע קריגס-שיפן אָפּהאַלטן אירע באַראַטונגען. ניעדרא האָט עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט דער צייטווייליקער רעגירונג קאָמפּראָמיסן. זיי זיינען אָבער געווען ניט אָנעמ-באַר, ווייל זיי האָבן פאָרויסגעזען פארשיידענע פּריווילעגיעס פאַר די דייטשן אַפן חשבון פון דער איבעריקער לעטלענדישער באַפעלקערונג. ווען עס איז דעם 10-טן מאַי באַוואוסט געוואָרן דער נייער באַשטאַנד פון דער „אַנטגילטיק" צוזאַמענגעשטעלטער ניעדראס רעגירונג, האָט זיך דער פאָלקס-ראַט צוזאַמענגעקליבן אַף אַ אויסעראָרדנטלעך-וויכטיקע זיצונג און האָט איינשטימיק אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, וועלכע פאַראורטיילט אַמשאַרפסטן די פאַר-שווערונג פון 16-טן אפּריל און אָנערקענט אַלס איינציקע געזעצלעכע רעגירונג די



שלאַכט צווישן די דייטשן און לעטן אין באַפרייאונגס-קריג.

צייטוו. לעטל. רעגירונג בראש מיט ק. אולמאַנים. אַף דער זיצונג זיינען אויך בייגעווען: פון דער ענגלישער מיסיע — עליאָס און פון די עכטן — סימאָן און יורגענסאָן. פון די אידישע פאַרטייען זיינען געווען פאַרטראָטן 3 בונדיסטן און איינער פון פאָלקס-פאַרטיי.

פראָטעסטן האָט אויך ארויסגעטראָגן די לעט. ארמיי פון צפון-פראָנט און 24 לעטישע געמיינדעס, וואָס האָבן זיך געווענדעט אין רעוול מיט אַ ספּעציעלער בקשה צו די פאָרשטייערס פון דער אַנטאַנטע זיי זאָלן אונטערשטיצן די צייטווייליקע רעגירונג. אויך די לעטישע רעלעגאַציע אין פאַריז האָט זיך געווענדעט צו דער אַנטאַנטע מיט אַ בקשה אָפּצורופן דעם דייטשן מיליטער פון לעטלאַנד און דעם באַלטישן לאַנדעסווער צו אונטער-ווארפן דער לעטישער מאַכט. עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן. די דייטשן זיינען זיך געבליבן ווי פריער.

אין דער צייט האָט זיך עטלעכע לעטישע אָפיצערן איינגעגעבן צו פאַנגען ניעדראן און צו ברייגגען אים אַפן שיף „סאַראַטאָוו" פון וואַנעט ער איז דערנאָך אוועקגע-שיקט געוואָרן אין צפון-לעטלאַנד, וואו עס האָט אָפּערירט די לעטישע צפון-אַרמיי.

האָט אָט די גרופּע אָפּגעהאַלטן גלענצנדע נצחונות אָפּקלאַפּנדיק צוריק דעם אָנגריף פֿון די קאָמוניסטן בּאַ אַלוקסנע, וועגדן, וואַלק און אַנדערע פּונקטן.

זעענדיק דעם טוראַדיקן וואוקס פֿון דער לעט. אַרמיי האָבּן די בּאַלטישע בּאַראָנען בּאַשטימט מיט גוואַלד צו ליקווידירן די השפּעה פֿון דער צייטווייליקער רעגירונג און זיי האָבּן גענומען אין חודש פֿעוראַל אין געהיים צוגרייטן אַן אויפֿשטאַנד אונטער דער אָנפֿירונג פֿון א. פֿאָן-שטריק. דאָס האָט זיך אָבּער ניט איינגעגעבּן און די פֿאַרשווערונגס-צוגרייטונג איז בּאַלד אַנטדעקט געוואָרן.

דאַן האָבּן די דייטשע סאָלדאַטן גענומען זוכן פֿאַרשיידענע מיטלען, ווי צו פֿאַרצעפּענען זיך מיט די אָפּטיילונגען פֿון לעט. מיליטער. דער פֿאַקטישער פֿירער פֿון אָט דער אַרבּעט איז געווען דער דייטשער „זיכערהייטס-אויסשוס פֿון פֿראָנט" און איניגיכן האָבּן די אָפּטע צוזאַמענשטויסן אָנגענומען שאַרפֿע פֿאָרמען. בּאַזונדערס אָפֿט פֿלעגן פֿאָרקומען די צוזאַמענשטויסן אין ליבּויער קריגס-האַפֿן.

נאָכדעם ווי די לעטל. רעגירונג האָט ניט בּאַקומענדיק פֿון די דייטשן קיין געניטעם ענטפֿער זיך געווענדעט צו די אַנטאַנטע-פֿאָרשטייער, איז די דייטשע מאַכט איינגעגאַנגען צוזאַמענצורופֿן דעם 16-טן אַפּריל, 3 אַזייגער נאָך מיטיק אַ זיצונג פֿון דער לעטיש-דייטשער „פֿאַרשטענדיקונגס קאָמיסיע". די קאָמיסיע האָט אָבּער צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט געבּראַכט. פּונקט אין דער צייט פֿון דער קאָמיסיע-זיצונג זיינען מן הצד געגאַנגען אין פֿולן גאַנג די צוגרייטונגען פֿון אַ דייטשער איבּערקערעניש. גלייך פֿיר (4) אַזייגער, אין אַ שעה נאָכדעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבּן די זיצונג פֿון דער „פֿאַרשטענדיקונגס-קאָמיסיע", זיינען שוין אַף אַלע ווינקלען געווען אויסגעשטעלט האַרמאַטן און קוילנוואַרפֿערס און איבּער די גאַסן זיינען אַרומגעפֿאָרן דייטשע געפּאַנצערטע אויטאָמאָבּילן און עס האָבּן מאַרשירט שטאַרק בּאַוואָפֿנטע פּאַטרולן פֿון דייטשע סאָלדאַטן און בּאַלטישן לאַנדעסווער. עס זיינען אויך אָפּגעשיקט געוואָרן אָפּטיילונגען צו אַרעסטירן די לעטישע מיניסטאָרן, אָבּער זיי זיינען שוין אַלע געווען אַנטלאָפֿן און בּאַהאַלטן זיך, ווער אין דער ענגלישער געזאַנדטשאַפֿט, ווער אַף די ענגלישע קריגס-שיפֿן און ווער אין פּריוואַטע דירות. צוויי מיניסטאָרן האָט זיך דאָך איינגעגעבּן צו אַרעסטירן.

פֿאַרשטייענדיק דעם רעש וואָס דאָס וועט אַרויסרופֿן אַפֿן פֿראָנט אין דער לעט. אַרמיי האָבּן די פֿאַרשווערער אַוועקגעשיקט איינלאַדן דעם לעט. אַרמיי-קאָמאַנדיר פּאָלק. בּאַלאָדיס אַלס מיטגליד פֿון דעם מיליטערישן דירעקטאָריום, וואָס דאַרף כלומרשט געגרינדעט ווערן. די לעט. פֿראָנט-רעלעגאַטן האָבּן אָבּער אין נאָמען פֿון פּאָלק. בּאַלאָדיס קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז פּאָלק. בּאַלאָדיס זאָגט זיך אָפּ דערפֿון און אַז די לעטישע אַרמיי פֿאַראורטיילט אַמשאַרפֿסטן די שריט פֿון די פֿאַרשווערער.

ניט קענענדיק קומען אין הסכם אַבּסאָלוט מיט קיין איינציקער לעטישער גרופּירונג האָבּן די דייטשן דעם 26-טן אַפּריל „בּאַשטימט" א מיניסטאָרן-קאַבּינעט בּראש מיטן לעטישן פּאַסטאָר אַנדריי ניעדראַ, וועלכער איז שוין פֿון לאַנג בּאַקאַנט געווען אַלס אָנהייגער פֿון די בּאַלטישע בּאַראָנעס.

מען האָט געקענט פֿאָרויסזען, אַז ניעדראַס רעגירונג וועט זיך לאַנג ניט האַלטן, וואָרום קעגן איר איז געווען סיי דאָס גאַנצע פֿאָלק, סיי די אַרמיי, סיי די דיפּלאָמאַטישע פֿאָרשטייערס פֿון די פֿרעמדע מלוכות. בּאַזונדערס האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר די רעכטן פֿון דער לעטל. צייטווייליקער רעגירונג דער ענגלישער מיליטערישער פֿאָרשטייער א. קענאַן, און דער פֿראַנצויזישער פֿאָרשטייער קאָלאָנעל דיפּאַרקע.

באלד האָט זיך אויך געשאַפן די מעגלעכקייט פאר א מאביליזאַציע, וואָס האָט אָנגעפילט די אלטע שיטער געוואָרענע רייען און אויך געשאַפן נייע. דעם 21=טן מאַרט איז שוין ארויסגעגעבן געוואָרן א באפעל צו רעפאָרמירן דעם לעט. באטאליאָן אין א דיוויזיע אונטער דער קאָמאַנדאָ פון פאָלק. באלאָדים אלס העכסטער אויבער=קאָמאַנדיר. אָט די בריגאַדע איז שוין צו דער צייט באשטאַנען פון 3 באטאַליאָנען, א סאַפיאָרן=ראָטע, ארטי=



גענעראַל י. באַלאָדיס

הויפט=קאָמאַנדיר פון דער לעטישער ארמיי אין באפרייאונגס=קריג, איצט קריגס=מיניסטער.

לעריע און רייטער=אָפטיילונג. אָט די בריגאַדע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין קירלאַנד, האָט געטראָגן דעם נאָמען — ארמייאישע ד ר ו ם = ג ר ו פ ע.

גלייכצייטיק האָט זיך אין צפון=ליפלאַנד געגרינדעט אונטער דער אָנפירונג פון קאַפיטאַן זעמיטאַן נאָך א גרופע — די ארמייאישע צ פ ו ן = ג ר ו פ ע. די גרופע האָט זיך געגרינדעט אין די ליפלענדישע געגנטן, וואָס זיינען דורך די עסטן באפרייט געוואָרן און די אָנפירערס פון עסטנישן מיליטער האָבן אין זייער א גרויסער מאָס אלזייטיק מיט=געהאָלפן דער שאַפונג פון אָט דער באַרייטנדיקער קראַפט. אונטערשטיצט פון די עסטן,

מיליטער=מאַכט און פון לעטישן ארמיי=שטאַב. אף דער באַראַטונג איז אייסגעאַרבעט געוואָרן א נײַער פאַרטיידיקונגס=פּלאַן, און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די ענגלענדער צוזאַמען מיט די לעטן זאָלן פאַרטיידיקן ריגע פון מערב=זייט, און די דייטשן, צוזאַמען מיט דעם דייטש=באַלטישן לאַנדעסווער זאָלן פאַרהיטן ריגע פון מורח=זייט. אויסער דעם איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ארטילעריע פון דער ענגלישער עסקאַדרע זאָל שטיין אין פולער קאַמפס=גרייטקייט און ווי עס וועט זיך נאָר פאָדערן איר הילף זאָל זי גלייך אָנהייבן צו אַרבעטן.

דער פּלאַן איז געווען אויסגעאַרבעט מיט אלע פּינקטלעכקייטן און האָט פאַרויסגעזען צו געבן די באָלשעוויקעס א שטאַרקן צוריק=קלאַפּ בא דער קיש=אָזערע און באַם טײַך יוגלאַ. נעמענדיק אין אכט דעם באַדייטנדן מיליטערישן כח, וואָס אין ריגע האָט זיך אף אמאָל צוזאַמענגעקליבן, קען מען מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז דעם פּלאַן וואָלט זיך באַשטימט אײַנגעגעבן.

פּלוצים האָבן אָבער אין צוויי טעג ארום, דעם 1=טן יאַנוואַר, די ענגלענדער מודיע געווען, אַז זיי וועלן ריגע ניט פאַרטיידיקן און, אַז זייער עסקאַדרע פאָרט גלייך אוועק.

אָט דער שריט פון די ענגלענדער דערקלערט זיך מיטן דרוק פון פראַנקרייך און אמעריקע, אף וועלכע עס האָבן פון זייער זייט געווירקט די רוסישע מאָנאַרכיסטן, די אָנהייגער פון אן איינהייטלעכער ניט געטיילטער רוסלאַנד. ווי די זאַך זאָל אָבער ניט זײַן, איז עס געוואָרן קלאָר, אַז די שוואַכע לעטישע כוחות וועלן מוזן פאַרלאָזן ריגע און איבערגעבן די שטאָט צו די באָלשעוויקעס. די דייטשן, כאָטש זיי זײַנען געווען פאַרפּליכטעט לויטן אָפּמאַך פון וואָפנשטילשטאַנד צו פאַרטיידיקן ריגע ווי בכלל גאַנץ לעטלאַנד, האָבן דאָס אָבער כמעט ווי ניט געטאָן און די באָלשעוויקעס זײַנען אַרײַן אין ריגע אומגעשטערט.

די לעטישע צײַטווײַליקע רעגירונג איז אוועק אין מיטוי און פון דאָרטן איז זי דעם 6=טן יאַנוואַר אָנגעקומען אין ליבוי. צוזאַמען מיט דער רעגירונג זײַנען אוועק אינגאַנצן 500 סאָלדאַטן: די אָפיצערן=ראָטע, סטודענטן=ראָטע און די ווענדענער ראָטע.

בינתים האָבן די באָלשעוויקעס, ניט באַגעגענענדיק קיין געהעריקן ווידערשטאַנד, געריקט זיך פאָרויס. דעם 8=טן יאַנוואַר האָבן זיי פאַרנומען מיטוי, דעם 11=טן יאַנוואַר — ווינדוי (ווענטספּילס), דעם 30=טן יאַנוואַר טוקום א. א. וו. ביז זיי האָבן שוין פאַרנומען גאַנץ קורלאַנד און באַלד האָט זיך זייער פראָנט א וואָרף געטאָן איבערן ליטווישן גרעניץ ביז שאַוול. דאָ האָבן זיי אָבער באַקומען א שטאַרקן צוריק=קלאַפּ פון די דײַטשן, וועלכע האָבן זיי ניט געוואָלט דערלאָזן דערנענטערן זיך צום פּרייסישן גרעניץ. בא דער טײַך ווענטאַ האָבן די באָלשעוויקעס אויך באַקומען א קלאַפּ פון די נײַ=רעפאָרמירטע לעטישע אָפּטיילונגען. דער מיט גרויס מי געגרינדעטער קאָלפּאַק=באַטאַליאָן איז דעם 3=טן מאַרט אריבערגעגאַנגען אין אָנגריף און אונטער זײַן דרוק האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש אָפּצוטרעטן. אָט דער לעטישער באַטאַליאָן אונטער דער אָנפירונג פון פּאָלקאָווניק קאָלפּאַק איז שוין באַשטאַנען ניט נאָר פון פוסגייער, אָבער אויך פון ארטילעריע און א רייטער=אָפּטיילונג.

די ערשטע נצחונות פון קאָלפּאַקס באַטאַליאָן האָבן זיך בליץ=שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן איבער גאַנץ לעטלאַנד און דאָס האָט מיטגעבראַכט דער הויבונג פון שטימונג באַם פאָלק און דעם צופלוס פון נײַע כוחות. די לעטישע ארמיי איז געוואַקסן. א מפּלה האָט די לעטישע ארמיי געליטן דעם 6=טן מאַרט, ווען עס איז געפאַלן אין שלאַכט איר פירער פּאָלקאָווניק קאָלפּאַק. באַלד האָט זיך אָבער אף זײַן אָרט געשטעלט פּאָלקאָווניק באַלאָדיס (איצט גענעראַל און קריגס=מיניסטער) און די ארמיי האָט זיך ווייטער א רוק געטאָן אף פאָרויס.

# 4. מיליטערישער קאַמף פאַר לעטלאַנדס באַפרייאונג.

די זייער גרויסע צאָל פּריוויליקע, וואָס זיינען געקומען אפן ערשטן רוף זיך שטעלן אין די רייען פון דער לעטישער ארמיי באַווייזט, ווי קאָלאָסאַל עס איז געווען דער פאָלקס-ווילן, ווי טיף עס איז אריינגעדרונגען אין פאָלק די אידיי פון זעלבסטשטענדיקייט. די רעגירונג האָט אָבער ניט געהאַט קיין מיטלען צו באַזאָרגן אָט די אלע פּריוויליקע מיט די נויטיקע געווער. די גאַנצע לאַנד, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט איז דאַמאָלסט געווען פארחרובט און פון יעדער ווינקעלע האָט ארויסגעקוקט דער דלות. אין אזעלכע שלעכטע באַדינגונגען איז אויסגעקומען דער צייטווייליקער רעגירונג צו אָרגאַניזירן די ערשטע קערנדלעך פון דער נאַציאָנאַלער ארמיי און אויפצונעמען דעם קאַמף מיט די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך מיט זייערע גרויסע מחנות אָנגערוקט אף לעטלאַנד.

די דייטשע אָקופּאַציע-מאַכט האָט לכתחילה צוגעזאָגט צו העלפן די לעטן אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, ארויסצוגעבן פאַר די לעטישע סאָלדאַטן געווער, אַמוניציע, עכנווארג א. א. וו. דערנאָך האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אַז די הבטחה האָט קיין גרונט ניט געהאַט און די דייטשן האָבן גענומען אָפּגעבן כמעט אָן א ווידערשטאַנד צו די באָלשעוויקעס פאַרשיידענע טיילן פון לעטלאַנד. אף אַזאַ אופן האָבן די דייטשן געוועלט אריינלאָזנדיק די רויטע ארמיי צושטערן די לעטישע רעגירונגס-מאַכט און דערנאָך ארויסטרייבן די באָלשעוויקעס צוריק און פאַרפעסטיקן א שטענדיקע דייטשע מאַכט אין לעטלאַנד און בכלל אין גאַנצן באַלטיקום.

אין אָנהויב דעצעמבער 1918 האָבן די רויט-ארמייער פאַרנומען מזרח- און צפון-לאַטגאַליען. אין מיטן דעצעמבער זיינען זיי אריין אין דווינסק. דעם 16-טן דעצעמבער זיינען זיי אריין אין וואַלק און גלייך אף מאָרגן, דעם 17-טן, האָבן זיי אין וואַלק פּראָקלאַמירט א לעטישע סאָוועטן-רעפּובליק אלס פעדעראַטיווער באַשטאַנדטייל פון סאָוועטן-רוסלאַנד. פאַרן פּרעזידענט פון אָט דער סאָוועטן-רעפּובליק איז באַשטימט געוואָרן פּעטער סטוטשקאַ. דעם 22-טן דעצעמבער זיינען די באָלשעוויקעס אריין אין וואָלמאַר און האָבן זיך גערוקט אלץ ווייטער און ווייטער. די עטלעכע שוואַכע פּריוויליקע לעטישע ראָטעס האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אָפּהאַלטן דעם מאַרש-גאַנג פון דער רויטער ארמיי און דעם 3-טן יאַנוואַר 1919 אינדערפרי האָבן די קאָמוניסטן פאַרנומען ריגע.

א געוויסע צייט איידער עס איז געפאַלן ריגע, האָט זיך באַוויזן אין האַפן אַן ענגלישע עסקאַדרע, מיט וועלכער עס איז אויך אָנגעקומען אַן אָפיציעלער באַפולמעכטיקטער פון דער ענגלישער רעגירונג פאַרן באַלטיקום. דעם 31-טן דעצעמבער (1918 י.) האָט דער ענגלענדער באַפולמעכטיקטער מיטגעטיילט, אַז די ענגלישע עסקאַדרע וועט העלפן פאַרטיידיקן ריגע. דעם זעלביקן טאָג האָבן זיך אויך באַוויזן אף די ריגער גאַסן באַוואָפנטע ענגלישע מאַטראָסן-אָפּטיילונגען בראש מיט זייערע אָפיצערן. גלייכצייטיק איז פאַרגעקומען א באַראַטונג צווישן די קאָמאַנדירן פון ענגלישן פלאָט, פאָרשטייער פון דער אָרטיקער דייטשער

אין א רעװאָליוציע פון מיטן אפריל 1917, אז לעטלאנד, אלס אווטאנאמער געביט זאָל האָבן אן אייגענעם סיים און אן אייגענעם חיל. די גרונטגעזעצן זאָלן אויסגעאַרבעט ווערן פון א לעטלענדישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

די מלוכה-אידיי אנטוויקלט זיך אלץ ווייטער, ביז זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאָדערונג פון אַ פולשטענדיקער, אומאָפהענגיקער לעטלאַנד. דעם 30 יוני 1917 נעמט אָן די פאַרזאַמלונג פון דעם פאַריין פון לעטישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן אַ שאַרפע פראָטעסט-רעזאָליוציע קעגן דער רוסישער ציטוויליקער רעגירונג, וועלכע וויל אָפטיילן לאַטגאַליען פון דער איבעריקער לעטלאַנד. אלס די העכסטע אינסטאַנץ, וואָס זאָל זאָרגן פאַר דער אומאָפהענגיקייט פון לעטלאַנד, ווערט באַשלאָסן צו שאַפן א נאַציאָנאַל-ראַט פון פאָרשטייער פון אלע פאַרטייען און גרופּן.

אין יולי 1917 באַווייזן זיך אין דער צייטונג „Dzimtenes Atbalsis" ארטיקלען מיט אן אויפפאָדערונג זיך אָפצוטיילן פון רוסלאַנד און שאַפן א זעלבשטענדיקע אומאָפהענגיקע מלוכה. דעם 12-טן אויגוסט קומט זיך אין ריגע צוזאַמען אַ קאָנפערענץ פון 52 פאָרשטייער פון פאַרשיידענע לעט. אָרגאַניזאַציעס. אָט די קאָנפערענץ דערקלערט אָפן און קאַטעגאָריש: דער לעטלענדישער פאָלק האָט דאָס רעכט פונקט ווי אנדערע פעלקער אויף פולע זעלבסטבאַשטימונג.

כדי צו רעאליזירן די פּאָליטישע פאָדערונגען, ווערט געשאַפן אין אקטאָבער 1917 א „צייטווייליקער לעט. נאַציאָנאַל-ראַט". די ערשטע סעסיע פון אָט דעם ראַט הויבט זיך אן אין נאָיאַבר 1917 אין דער שטאָט וואַלק. אין ריגע, וועלכע איז צו דער צייט אקופּירט פון די דייטשן, שאַפט זיך דער „ריגער דעמאָקראַטישער בלאָק". די ביידע אָרגאַנען שטייען אפן שטאַנדפּונקט פון אן אומאָפהענגיקער לעטלענדישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

דעם 17 נאָוועמבער 1918 איז שוין די אלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד געגונג גינסטיק, און עס איז שוין פאַראַן די מעגלעכקייט, אז דער צייטווייליקער לעט. נאַצ. ראַט זאָל זיך פאַראייניקן מיטן ריגער דעמאָקראַט. בלאָק אין איין אָרגאַן. אזא פאַראייניקונג קומט טאַקע פאָר, און אין דעם דערמאָנטן טאָג ווערט געשאַפן דער „פאָלקס-ראַט", וואו עס זיינען פאַרטראָטן אויך די נאַציאָנאַלע מיעוטים.

דער ציל פון פאָלקס-ראַט איז צוזאַמענצורופן א דעמאָקראַטיש געוויילטע לעטלענדישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל באַשטימען דעם מלוכה-סדר. דערווייל האָט דער פאָלקס-ראַט אלס דער טרעגער פון דער סואווערענער מאַכט, געשאַפן אַ צייטווייליקע רעגירונג און שוין אפן אנדער טאָג פון זיין עקסיסטענץ — דעם 18 נאָוועמבער 1918 יאָר, 4 אזייגער נאָכמיטיק, פייערלעך פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון לעטלאַנד.

57624

מאַרט 1917. אָט דער ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָליוציע: „לעטלאַנד איז אַן אווטאָנאָמע אומטיילבאַרע פּראָווינץ פון רוסלאַנד, מיט ברייטע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכטן". אַ ענלעכע רעזאָליוציע איז אָנגענומען געוואָרן דעם 21־טן מאַרט 1917 אויף אַ פאַרזאַמלונג פון 600 פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ריגער אָרגאַניזאַציעס, אונטערן פאָרזיץ פון מ. סקויעניעקס.




קאַרל אולמאַניס

ערשטער מיניסטער־פּרעזידענט.

אינגיכן קומען אויך צוזאַמען די לאַנדעס־ראַטן פון קורלאַנד (אין יורייעוו) און פון לאַטגאַליען (אין רעזשיצע), וועלכע שטעלן ארויס דעם לאָזונג: „אַ פרייע לעטלאַנד אין אַ פרייער רוסלאַנד".

דער באַגריף פון אווטאָנאָמיע ווערט אָבער פאָרמולירט פון פאַרשיידענע גרופּן פאַרשיידנאַרטיק. אזוי למשל, פאָדערט די פּעטראָגראָדער פראַקציע פון די לעט. סאָלדאַטן

א ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דעם געדאַנק טרעפן מיר דערמאָלט אויך באַם לעטישן דיכטער ק. סקאַלבע און שפּעטער אויך באַ יאַניס טשאַקסטע (ערשטער לעטל. מלוכה־פּרעזידענט).

ווען נאָכן 1905 יאָר הויבט אָן צו ווירקן אין באַלטישן קאַנט די שווידערלעכסטע רוסישע רעאַקציע, וואָס פּרוּווט דערשטיקן יעדן פרייען געדאַנק, טרעפן מיר די אידיי וועגן אַ לעטישער מלוכה אין די ווערק פון דעם דיכטער ריינים (געוועזענער בילדונגס־מיניסטער). אין אַ סימבאָלישער פאָרם זאָגט ריינים ארויס זיין מיינונג וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ לעטישער פּאָליטישער איינהייט, אויב ניט אין דער מאָס פון א פולשטענדיק אומאָפּהענגיקער מלוכה, טאָ כאָטש אין דער פאָרם פון אַ ברייט־אויטאָנאָמען לעטישן געביט. אין 1909 יאָר טרעט שוין ארויס מ. סקויעניעק (געוו. מיניסטער־פּרעזידענט) מיט אַ באַגרינדעטן רעפעראַט וועגן לעטלאַנדס אויטאָנאָמיע אָדער זעלבשטענדיקייט. דער רעפעראַט ווערט געלייענט אין מאָסקווער לעטישער סטודענטן־געזעלשאַפט, און דער רעפעראַט שטיצט זיך אין זיינע אויספירונגען אף פאַקטן, גענומענע פון דער רעאַלער פּאָליטישער לאַגע אין יענער צייט.

בעת דער וועלט־מלחמה טרעפן מיר דריי ארטן שטרעבונגען אין לעטישן פאָלק. דריי באַזונדערע מיינונגען ווערן ארויסגעזאָגט און היים פּאַרטייִדיקט בנוגע דער פּאָליטישער לאַגע פון די לעטן.

אין 1914 יאָר, גלייך נאָכן אָנהויב פון קריג, האַלט זיך די לעטישע אינטעליגענץ און די ברייטע שיכטן פון דער לעט. געזעלשאַפט אָן דער רוסישער אריענטאַציע. די צייטונגען רופן די יוגנט זיך צו שטעלן אין די רייען פון דער רוסישער ארמיי, אום צו קעמפן קעגן דעם היסטאָרישן שונא — די דייטשן. די קורלענדער איינוואוינער ווערן אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן די ערטער, צו וועלכע דער שונא דערנענטערט זיך, צושטערן די הייזער, חרוב מאַכן די פאַרזייטע פעלדער און אוועק קיין רוסלאַנד.

אין 1915 יאָר טרעפן מיר שוין אַן אויסגעשפּראָכן לעטישע אָריענטאַציע, וועלכע גייט זיך לחלוטין פאַנאַנדער מיט דער פריערדיקער רוסישער אָריענטאַציע. אַ גרופּע אינטעליגענץ שטעלט ארויס דעם געדאַנק, אז דייטשלאַנד וועט מנצח זיין רוסלאַנד און וועט וועלן אקופּירן דעם באַלטישן קאַנט. די אנטאַנטע וועט אָבער ניט דערלאָזן, אז דער באַלטיקום זאָל זיך פאַראייניקן מיט דייטשלאַנד. דאַן וועט געשאַפן ווערן צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד אַ גאַנצע ריי בופער־מלוכות און לעטלאַנד דאַרף זיך גרייטן צו פאַרנעמען איר אָרט אין דער משפחה פון די קומענדיקע באַלטישע מלוכות. די הויפּט פּאַרטייִדיקער פון אָט דער אידיי זיינען געווען דר. מ. וואַלטערס און י. לאַפּינש. אָפט טרעפט מען זייערע אַרטיקלען וועגן דעם אין דער צייטונג „Līdums" אין 1915 יאָר.

נאָר אָט טיילט זיך אויס אין 1916 יאָר אַ דריטע גרופּע, וואָס זעט דעם איינציקן אויסוועג פון דער שווערער פּאָליטישער לאַגע, בלויז אין דער שאַפונג פון א אויטאָנאָמער לעטלאַנד. תחילת שטאַמט דער געדאַנק פון די פּאָליטישע עמיגראַנטן אין אויסלאַנד און דערנאָך ווערט ער פאַרשפּרייט אויך איבער לעטלאַנד. אין 1917 יאָר, גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, זוכט שוין די געזעלשאַפטלעכקייט מיטלען צו רעאַליזירן דעם אויטאָנאָמיע־געדאַנק. צו דעם צוועק ווערט צוזאַמענגערופן די ל י פ ל ע נ ד ע ר ל אַ נ ד ע ס ־ פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג וועלכע נעמט אָן אַ דעבאַטן א רעזאָליוציע וועגן דער פּראָווינציעלער אויטאָנאָמיע פון לעטלאַנד און קלייבט אויס דערלעגאַטן צום ל י פ ל ע נ ד ע ר ל אַ נ ד ע ס ־ ר אַ ט.

די ערשטע זיצונג פון ל י פ ל ע נ ד ע ר ל אַ נ ד ע ס ־ ר אַ ט, וואו עס זיינען געווען פאַרטראָטן אלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איז פאָרגעקומען אין ריגע דעם 25

# 3. אנטוויקלונג און רעאַליזירונג פון דער מלוכה־אידיי.

די אנטשטייאונג פון דעם געדאַנק וועגן אַ לעטלענדישע מלוכה געפינען מיר שוין אין דעם אנדער העלפט פון 19 י. ה., ווען די לעטישע געזעלשאַפטלעכקייט הויבט ערשט בכלל אָן אָנצונעמען באַשטימטע פאָרמען. דעמאָלט האָבן די "יונגלעטן" זיך פאָרגעשטעלט „לאַטוויאַ“ אלס די טעריטאָריע, וואָס איז באַוואוינט פון לעטן. זייערע קאָנקרעטע פאָדערונגען האָבן זיך אָבער געמוזט באַגרענעצן מיטן פארלאַנג, אויסצוגלייכן די רעכטלעכע לאַגע פון די לעטן מיט די דייטשן, פארזיכערן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די לעטן, דערהויבן די גייסטיקע קולטור פון פאָלק, געבן ברייטערע רעכטן אין די זעלבסטפאַרוואַלטונגען. אָט די שטרעבונגען פון די „יונגלעטן“ זיינען טיילווייז אויך רעאַליזירט געוואָרן מיט די רעפאָרמען פון די 60-קער יאָרן. מען האָט אויך געהאָפט אף ווייטערדיקע דערגרייכונגען, איבערהויפּט אפן געביט פון זעלבסטפאַרוואַלטונג. עס האָט זיך אָבער אין 1881 יאָר אָנגעהויבן די ממשלה פון אלעקסאַנדר 3, און צוזאַמען דערמיט, אויך די שטאַרקע רעאַקציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט געמאַכט צו נישט די ווייטערדיקע פאָדערונגען פון די „יונגלעטן“. אויך די רעוויזיע פון סענאַטאָר מאנסיען (1883—1885) האָט צו גאָרנישט ניט געבראַכט.

אין דער צייט פאָדערן אָבער די נאַציאָנאַלע פירערס פון די לעטן מען זאָל לעטלאַנד אויסטיילן אין אַ באַזונדערע באַשטימטע געאָגראַפישע איינהייט. דעם סענאַטאָר מאנסיען איז דערלאַנגט געוואָרן אַ פאָדערונג מען זאָל צוטיילן ליפלאַנד אין צוויי טיילן און צפון-ליפלאַנד, וואָס איז באַזעצט פון עסטן, זאָל פאַראייניקט ווערן מיט עסטלאַנד, און דרום-ליפלאַנד זאָל פאַראייניקט ווערן מיט קורלאַנד.

אַ ווייטערדיקן טריט זעען מיר אין די 90-קער יאָרן, ווען די לעטישע פאָלקס-סאָציאַליסטן ראָלאוו, מ. וואַלטערס, י. אַקוראַטערס א. א. האָבן אויפגעהויבן די פראַגע וועגן לעטלאַנדס פאָליטישער אווטאָנאָמיע אף פעדעראַטיווע יסודות אין דעם קומענדיקן פאַרענדערטן רוסלאַנד.

אף דעם אומלעגאַלן קאָנגרעס פון דער לעטישער סאָצ.-דעמ. פאַרטיי אין 1904 ווערט אָנגענומען בנוגע רוסלאַנד פאָלגנדיקער באַשלוס: „רוסלאַנד איז אַ דעמאָקראַטיש-פעדעראַטיווע רעפּובליק מיט אַ ברייטער זעלבסט-פאַרוואַלטונג אין די באַזונדערע טיילן פון דער מלוכה“.

אין נאָוועמבער 1905 באַווייזט זיך שוין אין דעם פּרעסע-אָרגאַן פון דער פאַראייניקטער לעטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע „פאָרויס“ אַן ארטיקל, וואו ס'ווערט דייטלעך געזאָגט: „מיר פאָדערן אַ פולשטענדיקע אווטאָנאָמיע פון באַלטיקום (לעטלאַנד), צוגלייך מיט אנדערע פעלקער: פוילן, עסטן, פינען, קאַווקאַזער א. א. וו. פון דעם ארויסגייענדיק, זעען מיר איין אין אַ איינציקן רוסלענדישן פאַרלאַמענט אַ שערלעכע קראַפט... מיר קעמפן פאַר דער אווטאָנאָמיע פון באַלטיקום, און מיר וועלן דאָס דערגרייכן אף די זעלביקע יסודות, ווי פוילן אָדער פינלאַנד“. אויך דער סאָצ. דעמאָקר. פירער יאַנסאָן זאָגט זיך ארויס אין 1906 יאָר פאַר אַ ברייטער אווטאָנאָמיע פון לעטלאַנד.

באַטראַכט די באַציאונג פון דער רוסישער רעגירונג צו אזא מין באוועגונג, די שוועריקייטן אף יעדער טריט און שריט, די געפערלעכע אומלעגאַלע ארבעט א. א. וו., וועט קלאָר ווערן דער גרויסער ווערט פון דער „נייער שטרעמונג“.

די אידעאָלאָגיע פון דער „נייער שטרעמונג“ איז, פארשטייט זיך, ניט געשטאַנען אף איין אָרט: זי האָט זיך אונטער פארשיידענע אומשטענדן געביטן, אָנגענומען אן אנדער פאָרם, און אויך אן אנדער אינהאַלט. אויב פאָרדעם איז דאָס געווען א ראָמאַנטישע שטרעבונג, איז זי דערנאָך געוואָרן א רעאַלע שטרעבונג, וואָס לאָזט טיף אירע וואָרצלען אין דער אלטעגלעכקייט און ניט אין די שטימונגען פון איינצעלנע אינטעליגענטן, אָדער אינטעליגענטן-גרופּעס.

דער ארבעטער-קלאַס איז געוואַקסן ניט נאָר אין כמות, אָבער אויך אין איכות. די פיל קרייזלעך און געזעלשאַפטן, וואָס האָבן צו יענער צייט עקסיסטירט, האָבן געגעבן די ארבעטער די מעגלעכקייט זיך אויסצובילדן און דערגרייכן אזא מדרגה, אז זיי זאָלן זיין ביכולת אליין אָנצופירן מיט זייערע אָרגאַניזאַציעס. באַלד האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די ערטער פון דער אינטעליגענץ אין דער באַוועגונג, און צום סוף האָבן זיי איבערגענומען כמעט די גאַנצע הנהלה פון דער „נייער שטרעמונג“ אין זייערע הענט. ווען אָט דאָס האָט פּאַסירט, האָט די „נייע שטרעמונג“ באַקומען א בולטערן קלאַסן-כאַראַקטער, און די באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט זיך זייער געענדערט.

דער קלאַסן-כאַראַקטער איז געוואָרן אלץ בולטער און בולטער, און ווען עס האָבן גענומען פון מערב-אייראָפּע אריינדרינגען אין לעטלאַנד די אידייען פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, און דער לעטישער ארבעטער איז שוין געווען מסוגל אָט די אידייען אופצונעמען, דעמאָלט האָט ער פון אָט דער קלאַסן-אָרגאַניזאַציע („נייע שטרעמונג“) בהדרגהדיק אויסגעקריסטאַליזירט א פּאָליטישע פּאַרטיי — „די לעטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער-פּאַרטיי“ (יוני 1904 יאָר).



די געביידע פון לעטלענדישן סיים.

דעמאָקראַטישער געזעלשאַפטלעכקייט. אָט די דעמאָקראַטישע רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אָבער דאַן געפירט א קאַמף פאַר דעצענטראַליזאַציע, פון דער רוסישער אדמיניסטראַציע און אָט דער קאַמף קעגן דער צענטראַליסטישער סיסטעם צווינגט ארויסצושטעלן פאָדערונגען פון קולטורעלער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

חוץ דעם האָט די פּראָגראַם פון דער „נייער שטרעמונג" אויך געמוזט אנטהאַלטן א שאַרפע ווידערשטאַנדס־טענדענץ קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג בכלל (ניט נאָר אפן פּאָליטישן געביט), וואָס עס האָט געהערשט אין דער צאַרישער רוסלאַנד.

אָט דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן דער אין תוך סאָציאַלער „נייער שטרעמונג" א נאַציאָנאַלע באַפאַרבונג. ווען מען זאָל נאָך נעמען אין אכט, אז די „נייע שטרעמונג" איז תחילת ניט קיין שטרייננ־וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע אופפאַסונג, נאָר גיכער א אינטעליגענטישער געדאַנקן־גאַנג, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן הויפּטזעכלעך דורך געפילן און שטימונגען, וועט אונז ווערן קלאָר, פאַרוואָס די „ניי־שטרעמער" האָבן אָפּט צוזאַמען מיטן „אינטערנאַציאָנאַל" געזונגען דעם נאַציאָנאַלן הימן „גאָט בענטש לעטלאַנד", ווי דאָס באַהויפּטעט דער פּובליציסט אַרנים אין זיינעם אן אַרטיקל וועגן דער לעטישער אומלעגאַלער פּרעסע.

אויסער דעם האָט די אָביעקטיווע שפּעריישע נויטווענדיקייט געצוואונגען אויך דעם נאַציאָנאַליזם צוליב טאַקטישע טעמים אָנצונעמען אן אינערלעכע סאָציאַלע אומבילדונג. אף אַזאַ אופן זיינען די צוויי שטרעבונגען געגאַנגען איינע די אַנדערע אנטקעגן, געשאַפן קאָמפּראָמיסן און געלעבט צווישן זיך מער אָדער ווייניקער פרידלעך. די האָפענונג פון דעם דייטשן אדל, אז די אנטשטייאונג פון א נייעם סאָציאַלן כח וועט ארויסרופן א מוראדיקע שפּאַלטונג צווישן די לעטן, וואָס וועט זיין צו גונסטן דעם דייטשן אדל, — אָט די האָפענונג איז ניט מקוים געוואָרן. אדרבא, די „נייע שטרעמונג" האָט דערפילט ניט נאָר א סאָציאַלע, אָבער אויך א גרויסע נאַציאָנאַלע שליחות.

אָט די „ניי־שטרעמער", וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום דער צייטונג „Dienas Lapa" („טאָגבלאַט") און בראש פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען דער דיכטער י. ראַיניס־פּליעקשאַנס, פּעטער סטוטשקא, ראָזין א. א. ו. האָבן באַלד גענומען פאַרשפּרייטן זייער השפּעה איבערן גאַנצן לאַנד און אריינציען אין אייגענעם ווירקונגס־קרייז אַלץ ברייטערע און ברייטערע פאָלקס־מאַסן. די „נייע שטרעמונג" האָט גענומען אופקלערן פאַר די ברייטע שיכטן אין וואָס פאַר אן אומגעזעצלעכער לאַגע זיי געפינען זיך, און אופמונטערן זיי צום קאַמף.

אויב די נאַציאָנאַליסטן פון עלטערן דור, וואָס האָבן שוין עטוואָס דערגרייכט אין זייער פּאָליטישן און קולטורעלן קאַמף, האָבן זיך שוין באַפרידיקט און געבליבן רואיק און טיילוויַיז אַפּאַטיש, האָט אָבער די „נייע שטרעמונג" זיך כלל וכלל נישט באַגנוגנט און האָט ארויסגעשטעלט אַלץ נייע און נייע פאָדערונגען, אַלץ טיפערע און טיפערע צילן, ליבּטיקערע און פרייערע פּערספּעקטיוון. אין דעם באַשטייט אויך איר הויפּט־עובדאָ, וואָס זי האָט פאַראייניקט אין זייער שטרעבן די ברייטע מאַסן, אופקלערנדיק זיי די געמיינזאַמקייט פון זייערע אינטערעסן.

די „נייע שטרעמונג" האָט ארויסרופנדיק קאָנקורענץ־געפילן אויך די נאַציאָנאַליסטן געצוואונגען צו ווערן טעטיקער, ווי אפן פּאָליטישן, אזוי אויך אפן קולטורעלן און עקאָנאָמישן געביט. ווען ניט די „נייע שטרעמונג", וואָלטן די נאַציאָנאַליסטן פון אלטן דור אינגאַנצן פאַרגליווערט געוואָרן אין זייער באַפרידיקונג מיט די נישטיקע דערגרייכונגען.

ווען מען זאָל נאָך נעמען אין אכט די זייער אומגיסטיקע באַדינגונגען, בא וועלכע דער „נייער שטרעמונג" איז אויסגעקומען צו אַרבעטן און ווירקן, ווען מען זאָל נעמען אין

דאָס קומט פאָר בא אלע פעלקער, און אויך באַם לעטישן פאָלק האָט פּאַסירט דאָס זעלבע.

צוויי אַרטן פּראָצעסן רופן ארויס די אנטשטייאונג פונם לעטישן פּראָלעטאַריאַט. פון איין זייט דער מאַוימדיקער וואוקס פון די שטעט אין ענדע פון 19 י.ה. און פון אנדער זייט דעם וואוקס פון דעם פויערם פּריוואַט-אייגנטום שאַפן דעם שטאָטישן, ווי אויך דעם דאָרפישן אונטערנעמער- און ארבעטער-קלאַס.

אין צווייטן העלפט פון 19 י. ה. זיינען פון דער רוסישער רעגירונג ארויסגעגעבן געוואָרן א גאַנצע ריי געזעצן, וואָס האָבן פאַרלייכטערט דעם גורל פון די פויערים. לויט אָט די געזעצן האָבן די פויערים באַקומען דאָס רעכט זיך צו באַפרייען פון דעם פּריצס אפּוטרופּסות און אָפּקויפן באַם פּריץ אפן סמך פון א קענגזייטיקן אָפּמאַך א שטיק לאַנד. פאַרשטייט זיך, אז דער פּריץ האָט אויך דאָ געמאַכט פאַרשיידענע פּריווילעגיעס, אָבער דאָך האָבן די פויערים ניט איינגעלאָזן זייערע רעכטן און זיך גענומען פאַרשאַפן קלענערע אָדער גרעסערע ערד-שטחים. אף אזא אופן האָט זיך געבילדעט דער קלאַס פון לעטישע ערד-באַזיצערס.

ניט אלע פויערים האָבן אָבער געוואָלט אין דאָרף פאַרבלייבן און אסך פון זיי זיינען, באַפרייענדיק זיך פון פּריץ אין באַקומענדיק לויטן געזעץ פון 1863 יאָר דאָס רעכט אף פרייע איבערוואַנדערונג, אוועק אין שטאָט און געוואָרן דאָרטן האַנטווערקער, הענדלער א. א. וו. אָט די איבערוואַנדערער זיינען מיט דער צייט רייך געוואָרן און האָבן געבילדעט דעם קלאַס פון דער לעטישער שטעטישער בורזשואזיע.

דאָס איז אָבער אלץ גערעדט וועגן די מער אָדער ווייניקער רייכע פויערים, וואָס האָבן געהאַט קאַפּיטאַל זיך צו באַזאָרגן אן אייגנטום אין דאָרף, אָדער אין שטאָט. דאָס רוב אָבער (דריי פערטל) האָבן קיין קאַפּיטאַל ניט פאַרמאָגט און זיינען געצוואונגען געווען, אָדער צו בלייבן באַטראַקעס בא די ערד-אייגנטימער, אָדער אוועק אין שטאָט און אָנקומען פאַר ארבעטער אין די שטעטישע אונטערנעמונגען. אף אזא אופן האָבן זיך געבילדעט די קלאַסן פון שטאָטישן און דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט.

דער מצב פון די קלאַסן איז אָבער ניט געשטאַנען אף איין אָרט. דער צופלוס פון אויסלענדישע קאַפּיטאַלן האָט עקאָנאָמיש פאַרשטאַרקט די שטעטישע בורזשואזיע און דאָס ארייַנדרינגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג מיט דער וואַקסנדער טעכניק אין דאָרף, האָט געשטאַרקט די דאָרפס-בורזשואזיע.

דאָס אלץ האָט געשאַפן נאָך א טיפערן תהום צווישן די פאַרמעגלעכע קלאַסן און צווישן די ארבעטער-מאַסן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א אידייאישער קאַמף, עס איז אנטשטאַנען די „נייע שטרעמונג" („Jaunā strāva").

אף אזא אופן האָבן מיר אין די 90-קער יאָרן פון פאָריקן י. ה. צוויי קעגנגעזעצטע אידייאישע שטרעבונגען אין דער לעטישער געזעלשאַפט: פון איין זייט דער נאַציאָנאַליזם („יונג-לעטן"), פון דער אנדער זייט די „נייע שטרעמונג".

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אז גלייך אין אָנהויב זיינען זיך אָט די שטרעבונגען אינגאַנצן פאַנאַנדערגעגאַנגען. להיפך, אין דער ערשטער צייט זיינען אפילו געווען פונקטן וואו אָט די צוויי שטרעבונגען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און געשטרעבט צו איין און דעם זעלביקן ציל. די „נייע שטרעמונג" איז דאָס געצוואונגען געווען צו טאָן טאַקע צוליב איר טאַקטיק. די „נייע שטרעמונג", וועלכע האָט ארויסגעשטעלט דעם געדאַנק, אז דאָס לעטישע פאָלק וועט באַפרייט ווערן נאָר דאַן, ווען עס וועט באַפרייט ווערן דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט, האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט זיך אָריענטירן אף דער רוסלענדישער

א גרויסע השפעה אפן געזעלשאפטלעכן לעבן האָבן אויך די אַלגעמיינע לעטי־שע געזאַנג יום־טובים, די ערשטע פון וועלכע עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין ריגע אין 1873 יאָר.

צו דער זעלבער צייט ווערן אויך איינגעאָרדנט פיל טעאטער־פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, פאָרלעזונגען, עס ווערן ארויסגעגעבן פיל ביכער, בראָשורן, זשורנאַלן א. א. וו.

צוזאמען מיטן גייסטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן וואַקסט אויך די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און אין 1874 יאָר ווערט געמאַכט דער ערשטער פרואוו פון אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכער אויסשטעלונג און עס דערשיינט די ערשטע ספעציעלע לאַנדווירטשאַפטלעכע צייטונג. ניט אומזיסט ווערט אָט דער פעריאָד אָנגערופן „די דערוואַכונגס־צייט פונם לע־טישן פאָלק"!

דער כאַראַקטער וועלכן עס טראָגט אָט דער נאַציאָנאַלע אופבּרויז, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער אידייען־גאַנג פון די נאַציאָנאַלע פירערס איז אין סאָציאַלן זין אַ קאָנסערוואַטיווער. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז יעדע פויערים־באַוועגונג (און דאָס איז הויפּטזעכלעך געווען אַ פויערים־באַוועגונג!) איז אַ קאָנסערוואַטיווע. דעם פויערס גייסט איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער טראַדיציע פונקט ווי דער בוים אין זיין גאָרטן איז פאַרוואָרצלט אינם באָדן...

אָבער טאַקע אָט די קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג האָט געבראַכט צו „פּראָגרעסי־ווע" פאָלגן. די תחילת כמעט סטיכישע נאַציאָנאַלע אַרבעט פון די „יונג־לעטן", וואָס באַזירט זיך ניט אַף אַ ריין־וויסנשאַפטלעך אויסגעהאַלטענער אידעאָלאָגיע, האָט געלייגט דעם גרונט־שטיין צו דעם בנין פון דער מאָדערנער לעטישער קולטור. מאַקס נאָרדאו האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט: „Volk ist das, was Volk sein will". און באמת, דער פאָלקס־ווילן שפּילט אַ אויסערגעוויינלעך גרויסע ראָלע אין דעם אַנטשטייאונגס־פּראָצעס פון אַ נאַציע. אויב בּאַ אַ פאָלקס־גרופּע פעלט נאָך אָט דער רצון, אָדער דער רצון צו ווערן זיין אַ פאָלק איז נאָך שוואַך, טאָ מוז מען אָט דעם ווילן וועקן, מוז מען אים שטאַרקן.

די „יונג־לעטן" זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן דעם נאַציאָנאַלן רצון פון דעם לעטישן פאָלק געוועקט און דאָס איז זייער הויפּט־פאַרדינסט.

## ב. נייע שטרעמונג.

אויב אין דער צייט פון די „יונג־לעטן" (פון די 60־קער ביז 80־קער יאָרן פון פאָריקן י.ה.) זיינען ניט מערקבאַר קיין אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע ווידערשפּרוכן און סאָציאַלע קאַמפן, איז עס דערפאַר, וואָס די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען צווישן די רייכע פויערים און דער שטעטישער בורזשואַזיע זיינען גאַנץ קליינע, און דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער שונא פאַר־שטעלט בכלל אָט די אַנטאַגאָניזמען און צווינגט די צוויי פאַרמעגלעכע קלאַסן ניט צו קעמפן צווישן זיך, נאָר להיפּוך, צו פאַראייניקן זיך און צו פירן אַ געמיינזאַמע קולטורעלע און פּאָליטישער פאַרטיידיקונגס־אַרבעט קעגן דעם פרעמדפעלקישן אונטערדריקער. די ווייטערדיקע געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג רופט אָבער אַרויס אַ גרעסערע דיפערענצירונג אינם פאָלקס־אָרגאַניזם און דערמיט גופא אויך אַ פאַרשאַרפונג אין די ובאַציאונגען צווישן די באַ־זונדערע קלאַסן. די ווייטערדיקע דיפערענצירונגס־פּראָצעסן שאַפן לויט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן דיאַמעטראַל־קעגנגעזעצטע קלאַסן, און דאָ איז שוין דער קאַמף אומפאַרמיידלעך.

קרישיאַנים קאַלנינש, קרישיאַנים באַראָנס, דער פּובליציסט יורים מאטערס, וועלכער פּלעגט פאַרטיידיקן אויסשליסלעך דעם רייכן פּויערטום און נאָך פיל אנדערע.

די טאַקטיקע פון אָט דער גרופּע איז א גאַנץ אינטערעסאַנטע און מיר וועלן איר דאָ אין קורצן באַטראַכטן. איינזעענדיק, אז בעיקר ליידן די לעטן פון די דייטשע גרונטבאַזיצער, וואָס זיינען צו יענער צייט דער הערשנדער קלאַס אין לאַנד, האָבן זיך די „יונג-לעטן“ געווענדעט צו די רוסאָפילן בראש מיט די קאַטקאָווס און האָבן גענומען אָנווייזן אף די שעדלעכקייטן פון דער דייטשער השפעה אין באַלטיקום פאַר די רוסישע אינטערעסן. וואַלדעמארס און זיינע חברים האָבן אָנגעוויזן אין זייערע ארטיקלען אין רוסישע צייטונגען, אז מען דאַרף די לעטן דערנענטערן צו די רוסן. אַלס קאָנקרעטן פּועל יוצא פון אָט דער ווענדונג דאַרף מען באַצייכענען די לעטישע קאָלאָניעס אין צענטראַל רוסלאַנד, וואָס זיינען צו יענער צייט געשאַפן געוואָרן.

די אָריענטאַציע אף די סלאַוויאַנאָפילן האָט אָבער געהאַט אויך נעגאַטיווע פאָלגן. אויב ביז יענער צייט האָט אין באַלטיקום געהערשט די רעאַקציאָנערע גערמאַניזאַציע (אָן ערך 50.000 לעטן זיינען דעמאָלסט פאַרדייטשט געוואָרן), טאָ האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די רוסיפיקאַציע, וועלכע איז געווען נאָך מער שעדלעך.

די נאָך גאָר יונגינקע לעטישע קולטור האָט זיך אף אזא אופן געפונען צווישן צוויי גרויסע פייערן פון די מעכטיקע רוסישע און דייטשע ריזן-קולטורן, וועלכע האָבן געשטרעבט אף א ברוטאַלן אַרט אומצוברייינגען די לעטישע קולטור-איינהייט.

אזא מין לאַגע האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט ארויסרופן א שאַרפן קאַמף. דער קאַמף האָט אָבער ניט געקענט זיין קיין אָפענער און די „יונג-לעטן“ האָבן אַלס קעגנגיפט קעגן דער רוסיפיקאַציע און גערמאַניזאַציע ארויסגעשטעלט זייער געזונטן נאַציאָנאַליזם, זיי האָבן פאַרשטאַרקט זייער קולטורעלע טעטיקייט וועקנדיק דערמיט גופא דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. אַלס מיטלען דערצו האָבן זיי געדינט קודם כל די פרעסע און די געזעלשאַפטן. אין 1862 יאָר גלייך נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט גיט וואַלדעמארס ארויס אין פּעטערבורג די צייטונג „Peterburgas Awises“, וועלכע גייט זיך פאַנאַנדער אין 4000 עקזעמפּליאַרן. פאַר יענער צייט איז דאָס א גרויסע דערגרייכונג. אָט די צייטונג קריטיקירט דאָס באַלעבאַטעווען פון די באַלטישע פּריצים און איינציייטיק גיט זי אויך פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ארטיקלען וועגן פּאָליטיק און ווירטשאַפט. פאַרשטייט זיך, אז אזא צייטונג האָט קיין אריכת ימים ניט געהאַט און שוין אין 1865 יאָר ווערט זי לויט דער פאָדערונג פון דעם באַלטישן אדל פאַרמאַכט.

אויסער „Peterburgas Awises“ עקסיסטירט צו יענער צייט אויך דער וואָכן-בלאַט „Mahjas Weesis“ („הויז-גאַסט“, דערשינען אין 1856 יאָר), וועמעס עובדא עס איז רופן די לעטן צו העכערער בילדונג, ווי אויך די צייטונג „Baltijas Wehstnesis“ (דערשינען אין 1869 יאָר). אגב עקסיסטירט נאָך צו יענער צייט אויך די ערשטע לעטישע צייטונג „Latweeschu Awises“ (דערשינען אין 1822 יאָר), וועלכע האָט אָבער א קליינעם געזעלשאַפטלעכן ווערט צוליב דעם, וואָס זי געפינט זיך אונטער דער שטאַרקער השפעה פון דער קירך און דער עיקר איז בא איר די רעליגיעז-זיטלעכע זייט פון לעבן, אָבער כלל וכלל נישט די פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פּראָבלעמען.

אין יענער צייט ווערן אויך געגרינדעט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, פיל לעטישע געזעלשאַפטן און פאַראיינען. דער ערשטער פאַראיין, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „Rīgas Latviešu Biedrība“ („ריגער לעטישער פאַראיין“) ווערט געגרינדעט אין 1868 יאָר.

באפעלן פון דער רוסישער רעאַקציע זיינען ניט בכח געווען אויסצואוואָרצלען די טיפע סימפאַטיע מצד די ברייטע פאָלקס־מאַסן צו וואַלדעמאַרס און זיינע אידייען.*)

אויב אָבער וואַלדעמאַרס האָט געלייגט די הויפּט־אַכט אף דער ווירטשאַפטלעכער זייט פונם לעטישן פאָלקס־לעבן, קומען באלד אויך אזעלכע, וואָס שטעלן שוין ארויס פאָדערונגען בנוגע דעם גייסטיקן וואוילשטאַנד פון זייער פאָלק, בנוגע דער קולטור.

אין 1865 יאָר דערשיינט אין דער דייטשער שפּראַך די בראָשורע פון ר. בעזבארדים „Der Sprache-und Bildungskampf in den Baltischen Provinzen Russlands“ און מיט זיבן יאָר שפּעטער דערשיינט אין 1872 יאָר די בראָשורע פון אַטיס קראָנוואַלדס „Nationale Bestrebungen“

אָט די ביידע מחברים הויבן אָן צו פירן א גייסטיקן קאַמף פאַר די רעכטן פון דער לעטישער שפּראַך און פאָדערן, אז די לעטישע שפּראַך זאָל אָנערקענט ווערן אַלס בילדונגס־מיטל און שול־שפּראַך. אין דער דערמאָנטער בראָשורע, ווי אויך אין אנדערע זיינע שריפטן באַגרינדעט א. קראַנוואַלדס די רעכטן פון די לעטן אף בילדונג, די רעכטן פריי צו אנטוויקלען זייער גייסטיקע באַגאַבונג. לויט קראַנוואַלדס מיינונג מוז אָט די אנטוויקלונג זיין אַ זעלבשטענדיקע, אַ פרייע פון זייטיקע ווירקונגען און אויך די שפּראַך, — די פאָרם און מיטל פון דער פאָלקס־אנטוויקלונג, מוז זיין די אייגענע לעטישע שפּראַך.

אַלס קעמפער פאַר די גייסטיקע און מאַטעריעלע אינטערעסן פון די לעטן אין יענער צייט איז אויך כדאי דערמאָנט צו ווערן אַנדרעי ספּאַגים.

אויב וואַלדעמאַרס האָט געשילדערט די לאַגע פון די לעטן פאַר די רוסישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, שטעלט זיך ארויס ספּאַגים פאַר די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון מערב־אייראָפּע, און בפרט פון דייטשלאַנד. אין זיין בראָשורע „Die Zustände des freien Bauernstandes in Kurland“ שילדערט אַנדריי ספּאַגים די אגראַרע פאַרהעלטנישן אין באַלטיקום און אָט די בראָשורע מאַכט א גאַנצע איבערקערעניש אין די דייטשע קרייזן, וועלכע הויבן אָן פון אָט דער צייט גאַנץ אַנדערש צו קוקן אף דער ערד־פראַגע אין באַלטיקום. שטודירנדיק אין בערלינער אוניווערסיטעט באַקענט זיך ספּאַגים מיט די אגראַרע פאַרהעלטנישן אין דייטשלאַנד און דאָס העלפט אים בולטער צו שילדערן די אומדערטרעגלעכע לאַגע פון די לעטישע פויערים.

צו אָט דער גרופּע נאַציאָנאַליסטן פון דעם ערשטן פעריאָד, וואָס טראָגן דעם נאָמען „יונג־לעטן“, געהערן אויסער די שוין אויסגערעכנטע אויך דער דיכטער יורים אַלונאַנס,

*) זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לעטישער אינטעליגענץ פון יענער צייט איז די אָפּשטאַמונג און דער לעבנס־וועג פון קרישיאַנים וואַלדעמאַרס. ער איז געווען א זון פון א לייב־קנעכט. די ערשטע בילדונג באַקומט ער אין א דאָרף־שול. אָנווענדנדיק זיינע אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן געלינגט אים מיט די אייגענע כחות צוצוגרייטן זיך צום אריינטרעטן אין אַ מיטל־שול. נאָכדעם ווי ער באַקומט אף דעם אַ דערלויבעניש פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, קומט ער אָן אַלס 24 יאָריקער בחור אין גימנאַזיע, וואו ער לערנט זיך 5 יאָר צייט. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע קומט וואַלדעמאַרס אָן אין דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט, וואו ער שטודירט מלוכה־וויסנשאַפטן. אויסער וואָס ער איז געווען א געזעלשאַפטלעכער עסקן און טוער אפן געביט פון ים־פאַרט, איז ער אויך באַקאַנט אַלס שריפטשטעלער און פובליציסט, אגב איז אף זיין נאָמען איצט אָנגערופן די געוועזענע ניקאָלאַי־גאַס אין ריגע, ווי אויך דער גרעסטער לעטישער אייזברעכער „קרישיאַנים וואַלדעמאַרס“.

פון די וואָס האָבן גענומען רעאַליזירן די ערשטע שריט פון דער לעטישער געזעלשאַפט צו עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט איז קודם כל ווערט דערמאָנט צו ווערן דער באַוואוסטער לעטישער כלל־טוער ק ר י ש י אַ נ י ס וואַ ל ד ע מ אַ ר ס.

אין 1860 יאָר פאָרט ארום ק. וואַלדעמאַרס איבער ליפלאַנד און קורלאַנד, וואו ער באַקענט זיך מיט דער טרויעריקער עקאָנאָמישער לאַגע און מיט דער גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט פון די לעטישע פישערס. ער פאַרשטייט, אַז וועגן א קולטורעלער דערהויבנקייט קען קיין רייד ניט זיין אין דער צייט, ווען עס הערשן די אַלטעגלעכע זאָרגן וועגן מאַנגל אין ברויט. און אָט נעמט וואַלדעמאַרס זוכן מיטלען, ווי אזוי אויסצופּפּערן די טרויעריקע מאַטעריעלע לאַגע פון אָט די מענטשן. עס אַנטשטייט בּאַ אים דער געדאַנק, אַז די ישועה פאַר אָט די פאָלקס־שיכטן קען קומען דורך דער אנטשטייאונג פון א באַדייטנדן לעטישן שיפפאַרט און מיטן גאַנצן ברען און ענערגיע גיט ער זיך אָפּ אָט דער אידיי און איר לייזונג.

וואַלדעמאַרס איז זייער באַליבּט אין די מאָסקווער סלאַוויאַנאָפּילישע קרייזן צוליבּ זיינע פילצאָליקע ארטיקלען אין דער רוסישער פרעסע און אָט די פּאָפּולאַריטעט העלפט אים צו דערגרייכן זיין ציל. אין א קורצער צייט געלינגט אים צו גרינדן אין קורלאַנד אליין 8 ים־שולן, וואו עס האָבן אָן שכר־למוד באַקומען זייער ספּעציעלע אויסבּילדונג טויזנטער לעטישע יונגעלייט. ווי עס באַווייזט באַנדרעוויטש אין זיין ארטיקל אין דער צייטונג „Latvijas Vēstnesis" № 249 פון 1922 יאָר אונטערן נאָמען „Zveiniecības kursi un skolas", זיינען ביז צום 1897 יאָר ארויס פון די דערמאָנטע שולן 6796 ים־פאָרערס. אויך די צאָל פון די שיפן שטייגט באַדייטנד: אין די 50־קער יאָרן זיינען פאַראַן בלויז 2 לעטישע שיפן, אָבער אין די 80־קער יאָרן זיינען שוין פאַראַן אין ריגער האַפן 200 לעטישע און עסטנישע פראַכט־שיפן. אָט די ריזיקע אנטוויקלונג ווייזט קלאָר און בולט אָף וויפיל עס זיינען ריכטיק געווען די געדאַנקען פון וואַלדעמאַרס. און באמת, אין האַנדל און אינדוסטריע וואָלטן די לעטן צו יענער צייט זייער ווייניק געקענט דערגרייכן צוליבּ מאַנגל אין קאַפּיטאַל, אָבער אין שיפפאַרט האָבן זיי זייער פיל געקענט אויפטאָן, ווייל דער באַלטישער געגנט איז שוין צו יענער צייט געווען א מין מיטל־פונקט פון אייראָפּע און אַלע סחורות, וואָס פלעגן גיין פון מזרח צום מערב, פלעגן מוזן דורכגיין דורכן באַלטיקום און בפרט דורך די לעטישע האַפנס ריגע און ליבּוי. וואַלדעמאַרס האָט עס זייער גוט פאַרשטאַנען און אָט די געדאַנקען האָט ער אנטוויקלט ווי אין זיינע ביכער וועגן אָט דער פראַגע, אזוי אויך אין זיינע ארטיקלען אין זשורנאַל „Austrums" און אין אַנדערע לעטישע אויסגאַבן.

ק. וואַלדעמאַרן געלינגט אָבער ניט צו דערפירן זיין ארבּעט ביז איר העכסטער אַנטוויקלונג. באַלד „זעען זיך ארום" די רוסישע רעאַקציאָנערן, אַז „וואַלדעמאַרס איז אַ רעוואָלוציאָנער און דעמאָקראַט", און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גענוג צו צווינגען אים איבּערצורייסן זיין פרוכטבּאַרע און נוצלעכע ארבּעט.

די רוסישע רעאַקציע האָט אינגאַנצן באַזייטיקט די סיסטעם פון וואַלדעמאַרס ים־שולן. דאָס הייסט אָבער כלל וכלל ניט, אַז די ארבּעט אין דער ריכטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט. די לעטישע געזעלשאַפט האָט געפונען אַנדערע וועגן און מיטלען וואַלדעמאַרס אידעאָלאָגיע צו רעאַליזירן. באַלד האָבן זיך גענומען גרינדן געזעלשאַפטלעכע שיפפאַרט־אונטערנעמונגען און די האַנדלס־שיפפאַרט איז ווידער געוואַקסן און פאַרבּרייטערט זיך. די

# 2. אָנהויב פון דער נאַציאָנאַלער אידיי און סאָציאַלער דיפערענצירונג.

## א. יונג-לעטן.

די לעטישע געזעלשאַפטלעכקייט הויבט אָן אָנצונעמען באַשטימטע פאָרמען אין די 60-קער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט. אין אָט דער צייט הויבן אויך אָן צו דערשיינען אַ ריי צייטונגען מיט א אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. עס אַנטשטייט א ערנסטע פּעריאָדישע פּרעסע, וואָס שפּיגלט אָפּ אין זיך די שטרעבונגען פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע גרופּן מיט אַ בולטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

אָפּ אַמאָל הויבט אָן ארויסצושפּראָצן דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אין זיינע פאַרשיידענע פאָרמען. אַ אָפּקלאַנג פון אָט דער אַלגעמיינער שטימונג הערן מיר אויך אָף די לערער-קאָנפערענצן און אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט, וואו עס קומען צום אויסדרוק די ראָמאַנטיש - נאַציאָנאַלע געפילן, די ראָמאַנטיש - נאַציאָנאַלע שטימונגען פון די פאָלקס-מאַסן.

עס הויבן זיך אויך אָן צו גרינדן פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, וואָס שטעלן זיך פאַרשיידענע צילן, אָבער דער הויפּט-ציל פון וועלכע עס איז צו פּפלעגן אָף אַזאַ אָדער אַנדער אופן די נאַציאָנאַלע קולטור, צו אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, צו וועקן די נאַציאָנאַלע געפילן בּאַ די פון דער געזעלשאַפט, בּאַ וועלכע אָט די געפילן שלאָפן נאָך.

דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזם פונם לעטישן פאָלק האַלט אין דער צייט אין איין וואַקסן. עס אַנטשטייט א שטאַרקער פּויערטום, וועלכער בּילדעט צוזאַמען מיט דער שטעטישער בּאַפעלקערונג דעם יסוד פון דער לעטישער געזעלשאַפט. בּאַלד נעמען זיך ארויסטיילן סיי פון דער דאָרפישער, סיי פון דער שטאָטישער בּאַפעלקערונג, גרופּן מענטשן מיט מיטעלער און הויכער בּילדונג און עס אַנטשטייט די לעטישע אינטעליגענץ. אָט די גרופּע מענטשן מיט פרייע פּראָפעסיעס טיילט זיך אָפּ עקאָנאָמיש פון זייער שורש, פון די גרונט-קלאַסן פון יענער צייט, אידייאיש זיינען זיי אָבער מיט די קלאַסן איינג פאַרבּונדן. זיי שטעלן זיך גלייך בּראש פון אָט די קלאַסן, הויבּן אָן צו פירן א בּרייטע אויפקלערונגס-אַרבּעט, הויבּן אָן די נאָך ניט אָרגאַניזירטע טיילן צו אָרגאַניזירן, צו דערקלערן זיי צוערשט די נויטווענדיקייט פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט, דערנאָך די נויטווענדיקייט פון קולטורעלער אומאָפּהענגיקייט און לסוף די נויטווענדיקייט פון פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט.

וואָרט „судъ“ האָט אורשפּרינגלעך באַדייט — געלטשטראָף (ווי די רוימישע „poena“, די דייטשע „Busse“), אָבער ניט קיין געריכט-אינסטאַנץ. אף אזא אופן באַדייט דער לעטישער וואָרט „sods“, און דער רוסישער „судъ“ די אויספירונג פון געריכטס־אורטייל, אבער ניט דעם געריכטס־אורטייל אליין *).

די לעטן איז אויך געווען באַקאַנט די אינטערנאַציאָנאַלע רעכט און זיי האָבן געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די רוסן, ליוון, עסטן און גערמאַנער. ניט אלעמאָל זיינען די באַציאונגען צווישן די לעטן און זייערע שכנים געווען פרידלעכע. די אופשריפטן פון באָריס וסעסלאַוויטש אף די שטיינער פון דער דווינע דערציילן וועגן די רויב־אָנפאַלן פון די רוסן אף די לעטן. אין יאָר 1111 האָט מסטיסלאוו נאָוואָגאָראָדסקי געפירט קריג אין צפון־לאַטגאַליען. אין יאָר 1106 האָט דער קניאַז באָרים פּאָלאָצקי געליטן א גרויסע מפלה אין קאַמף מיט די זעמגאַלער און 9000 רוסן זיינען געפאַלן אין שלאַכט.

דאָך האָבן די רוסן סוף 12 יאָרהונדערט פארכאַפּט קאָקנעסע און גערסיקי. זיי האָבן אָבער ניט געשטרעבט צו האָבן דאָ א גרויסע השפעה. זיי האָבן בלויז געזוכט א בעסערן מאַרק און א באַקוועמערן וועג לייִנג־אויס דער דווינע.

ניט קוקנדיק אף די שטענדיקע איבערפאַלן פון שונא, ניט קוקנדיק אף די פיל אומדערוואַרטע אָנגריפן, האָבן די לעטישע מלוכות (draudzes) דאָך איינגעהאַלטן זייער מאַכט. דאָס לעטישע פאָלק האָט זיך פארגרעסערט און פארשטאַרקט, ביז עס זיינען אין 13 יאָרהונדערט אריינגעדרונגען אין דער לעטישער לאַנד די דייטשע דעראָבערער און האָבן געמאַכט א סוף צו דער פרייהייט פון פאָלק. די לעטישע מלוכות זיינען געפאַלן, די קעניגן און פירשטן זיינען אנטלאָפן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א שווערע צייט פון קנעכטשאַפט, וואָס האָט געדויערט מערערע יאָרהונדערטן.

ערשט אין 19 י. ה. הויבן אָן די לעטן אָנצווויענדן געוויסע מיטלען כדי בהדרגהדיק ווידער צו דערווערבן די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט.

---

*) עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז אין תלמוד טרעפן מיר דעם אויסדרוק „סודאָ דדינאָ“, וואָס עס באַדייט געריכטס־אורטייל (פסק־דין). זע פאָלגנדע ערטער אין תלמוד: קדושין עה, כתובות פה, צד, בבא בתרא לה, סב, גטין יד.

די אלטלעטישע רעכט איז געווען זייער פּאַרטיקולירט. ניט נאָר יעדער באַ=צירק, שטאַנד, יעדער גרופּע, אָבער אויך יעדער פאַמיליע האָט געהאַט איר רעכט. אָט דער פּאַרטיקולאַריזם איז געווען, ווי אין דער מנהגים=רעכט, אַזוי אויך אין די געשריבענע רעכט *).

דער מנהג פון גואל הדם (בלוט=ראַכע) בנוגע לעטן גופא איז בא די לעטן פרי אָפּגעשאַפט געוואָרן, אָבער אָט דער מנהג האָט נאָך לאַנג עקסיסטירט בנוגע די עסטן, מיט וועלכע די לעטן האָבן אָפט געקעמפט.



א שלאכט צווישן די לעטן און דייטשן אין 13=טן י. ה.

בנוגע לעטן גופא איז די בלוט=נקמה פארביטן געוואָרן מיט געלט=שטראָף (sods), וואָס עס פלעגט במשמעות ארופליינן די פאָלקס=פארזאמלונג. אויך דער רוסישער

*) עס איז אינטערעסאַנט צו באמערקן, אז אויך די גערמאַנישע רעכט האָט זיך אויסגעצייכנט דורך א פּאַרטיקולאַריזם, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם 1 יאַנוואַר 1900, ווען עס איז אריינגעטראָטן אין קראַפט דער „Bürgerliche Gesetzbuch für das Deutsche Reich", וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1896 יאָר. דער פּאַרטי=קולאַריזם פון דער אלטרוסישער רעכט (נאָווגאָראָדער און פּסקאָווער „סודנאַיאַ גראַמאָטאַ", דווינסקער „סודנאַיאַ גראַמאָטאַ", „רוסקאַיאַ פּראַווּדאַ" א. א.) האָט אָנגעהאַלטן ביז 1649. אין אָט דעם יאָר איז דער געזעצבוך „Соборное уложенiе царя Алексѣя Михайловича" ארויסגעגעבן געוואָרן.

די לעטישע קעניגן (אָדער פירשטן) האָבן געהאַט א גרויסע פּאָליטישע מאַכט. אזוי, למשל, זיינען דעם זעמגאַלישן „קונגס" וועסטאַרד געווען אונטערוואָרפן די הויפּט=מענער פון 12 באַזונדערע זעמגאַלישע באַצירקן און ער האָט געהאַט א מיליטער פון 3000 רייטער.*)

אין פראַגן פון אויסערן=פּאָליטיק און אינערן=פּאָליטיק האָט דער „קונגס" זיך געמוזט באַראַטן מיט דער פּאָלקס=פאַרזאַמלונג און ער האָט געמוזט אָן קיין שום ווידער=שפּרוך זיך אונטערוואַרפן די באַשלוסן פון דער פּאָלקס=פאַרזאַמלונג.

די פּאָלקס=פאַרזאַמלונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָקראַטיעס פון אַל=טערטום און די לעטישע פּאָלקס=פאַרזאַמלונג האָט אסך געמיינזאַמעס מיט דער אידישער פּאָלקס=פאַרזאַמלונג „עם הארץ".

בכלל איז די מלוכה=סטרוקטור פון דער דעמאָלטיקער לעטלאַנד זייער ענלעך צו דעם מלוכה=סדר פון די לענדער אין אלטערטום. אין די קליינע מלוכות פון אלטער=טום (גריכנלאַנד, רוים, יהודה א. א.) האָט געהערשט פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, אָבער אין די גרויסע מלוכות (בבל, מצרים, פערסיען א. א.) האָט געהערשט דעספּאָטיע. ווען רוים איז געוואָרן א וועלט=מאַכט, איז אויך דאָרטן אנטשטאַנען א דעספּאָטיע. ווי מיר זעען, אי אויך בא די אלטע לעטן געווען א דעמאָקראַטישע אָרדנונג און די מאַכט פון קעניג (קונגס) איז געווען שטאַרק באַגרעניצט דורך דער פּאָלקס=מאַכט.

ווען די לעטן פלעגן גיין אין קריג, פלעגן זיי טראָגן א רויט=ווייס=רויטע פאָן (פון דאַנען שטאַמט די איצטיקע לעטישע מלוכה=פאָן). די ריימער=כראָניקער שרייבט וועגן דעם פאָלגנדעס:

„Mit einer banier rot gevar  
Das was mit wise durch gesniten  
Hute nach wendischen siten".

דאָס הייסט: „מיט א רויטער פאָן, מיט א ווייסן שטרייף אין מיטן אַזוי ווי נאָך די איצטיקע מנהגים פון די ווענדען". ווייטער שטייט אין דער כראָניק געשריבן: „ווענ=דען איז א שלאָס, וואָס האָט אזא פאָן, און אָט דער שלאָס געפינט זיך אין לעטישן לאַנד, וואו די פרויען רייטן אף פערד פונקט ווי די מאַנסביל".

די לעטן האָבן געהאַט זייער אייגענע מנהגים=רעכט, אויך אזוי ווי די רוסן האָבן געהאַט די „Русская Правда" פון יאַראָסלאַוו דעם קלוגן, אָדער די גערמאַנער זייער Sachsenspiegel, Schwabenspiegel א. א. וו. פון עטלעכע זייער וויכטיקע דאָקומענטן קען מען זען, אז די לעטן האָבן באמת געהאַט זייערע אייגענע „leges barbarorum". אזוי למשל, איז אין 1272 יאָר געשלאָסן געוואָרן דער פרידנס=אָפּמאַך צווישן דעם פאָרשטייער פון אָרדן, בישאָף אלבערט, און די זעמגאַלער, און אין פינפטן פונקט פון אָט דעם פרידנס=אָפּמאַך שטייט געשריבן: „די פריצים זיינען מחויב צו פסקנען לויט דער רעכט און די מנהגים פון די לעטן און עסטן".

---

*) עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אז אויך בא די יידישע מלכים זיינען געווען אונטערוואַרפן די הויפּטמענער פון די באַזונדערע באַצירקן, וועלכע האָבן זיך גערופן „שרי המדינות".

קרובים (radi), אַף וועלכער דער עלטסטער פון משפחה (dzimts vecākais) איז דער פאַרזיצער.

אין משך פון דער צייט דרינגען אריין אין דער משפחה אָנגעהעריקע פון פרעמדע משפחות. די געמיינזאַמקייט פון עקאָנאָמישע און קריגס־אינטערעסן צווינגט די קרובים (radi) זיך צו פאַראייניקן מיט די פרעמדע אָנגעקומענע און אַף אַזאַ אופן אנטשטייט א נייע ברייטערע געזעלשאַפטלעכע איינהייט „pagasts“ — פאָגאָסט (בא די רוימער — pagus, בא די גערמאַנער — Gau, בא די שוועדן — Gengärd). בראש פון דער pagasts שטייט דער אויסגעוויילטער pagasta vecākais (עלטסטער פון פאָגאָסט).

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער פאָגאָסט טראָגט דעם נאָמען „pulks“ (בא די רוסן — полкъ, בא די גערמאַנער — Volk). אָט דער וואָרט שטאַמט פון לאַטייניש „vulgus“ און „volgus“. ד״ר ר. קליינפּאול לייקנט אָפּ די ענלעכקייט צווישן דעם גערמאַנישן „Volk“ און רוסישן „полкъ“ *).

אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָבן געהאַט רעכט אָנטיילצונעמען נאָר דערוואַקסענע, פולבארעכטיקטע מענער (meliores viri), אָבער פרויען, קינדער און שקלאַפן האָבן ניט געקענט זיך באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. נאָר די אָנטיילנעמער פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָבן געהאַט רעכט צו טראָגן געווער און האָבן פאַרטראָטן דאָס פאָלק. אָט פאַרוואָס די באַגריפן פאָלק און מיליטער האָט מען דעמאָלט באַצייכנט מיט איין און דעם זעלביקן נאָמען.

צוליב פאַרטיידיקונגס־אינטערעסן זיינען די פאָגאָסטן מיט דער צייט געצוואונגען געווען זיך צו פאַראייניקן און עס איז אַנטשטאַנען א נאָך ברייטערע סאָציאַלע איינהייט — „draudze“ (מיליטער־מחנה, רוסיש — дружина, לאַטייניש — drungus). די draudze איז שוין א קליינע מלוכה, בראש פון וועלכער עס שטייט דער הערשער kungs (בא די גאָטן און גערמאַנער Künic, König, נאָרוועגן, שוועדן — Konung, Kung, ליטווינער — kunigas, רוסן — князь). יעדער draudze האָט איר שלאָס — pils, אין דער אַרט פון א קריגס־פעסטונג. אין „פילס“ לעבט דער „קונגס“ מיט זיינע סאָלדאַטן „draugi“ (draugs — פריינט; מיטקעמפער, רוסיש — другъ, ליטוויש — draugas, גאָטיש — driugan). אין דער אומגעגנט פון „פילס“, וואָס האָט זיך גערופן „pilsēta“ (שטאָט) האָבן געלעבט אַלע פרידלעכע איינוואוינער. פון די באַפעסטיקטע שלאָסן זיינען די באַקאַנטסטע פאָלגנדע: בעווערינאַ, צעסיס, אנטינע, סאַטעקלע, סעלפילס, טוראַידאַ, איקשקיל, סיגולדאַ א. א.

אין צייט פון קריג איז דער „קונגס“ דער פירער פון מיליטער, אָבער אין פרידנס־צייט איז ער א שופט. אין פרידנס־צייט איז זיין מאַכט באַגרעניצט דורך דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג. אין מלחמה־צייט איז ער אַן אומבאַגרעניצטער הערשער. נאָך זיין טויט גייט די מאַכט אַריבער בירושה צום עלטערן זון און אַף אַזאַ אופן זיינען געגרינדעט געוואָרן דינאַסטיעס.

די כראָניק רופט אָן די לעטישע הערשער אַלס senjores — עלטסטע, duces — מיליטער־פירער, senjores provincii — עלטסטע פון די באַצירקן, principes — פירשטן, reges — קעניגן. פון די לעטישע מלכים (kungi) זיינען די באַקאַנטסטע: רוסינש, וויעסטורס, לאַמעקינס א. א.

---

*) Dr. Rudolf Kleinpaul — Länder- und Völkernamen, Berlin, 1919, S. 80.

# פּאָליטישע אַנטוויקלונג.

## 1. פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרדנונג בײַ די אור־לעטן, זייער רעכט־סיסטעם און צווישנפעלקערישע באַציאונגען.

שוין אין אַלטע צײַטן טרעפן מיר בײַ די לעטן די אײַנטײלונג פון דער געזעלשאַפט אין באַזונדערע קלאַסן.

דער אײַגנטימער פון א גרויסן הויף (sēta), וועלכער באַאַרבעט זיין לאַנד מיט דער הילף פון פרעמדע אַרבעטס־הענט, הייסט bajars (רוסיש — бояринъ, ליטוויש — bajoras) *). די באָיאַרן זיינען זייער רייך און פאַרקערפּערן דעם גרויס־גרונטבאַזיץ פון דער אורלעטישער געזעלשאַפט. לויט דער מיינונג פון דעם באַקאַנטן געלערנטן פּראָפ. ד״ר פ. שמיטס, שטאַמט דער לעטישער וואָרט bajars ניט פון רוסישן וואָרט бой, ווי אַנדערע נעמען אָן, אָבער פון טערקיש־טאַטאַרישן דיאַלעקט, ווײַל די ווערטער bai, baja, bajan, באַדייטן אין דער מאָנגאָלישער, מאַנדזשורישער און טונגוזישער שפּראַכן — וואוילשטאַנד, רייכטום, רייך.

צום מיטלשטאַנד פון דער אַלטלעטישער געזעלשאַפט געהערט דער saimnieks (באַלעבאָס). ער איז דער אײַגנטימער פון א מיטעלן הויף און באַאַרבעט זיין לאַנד אָן פרעמדער הילף.

אויף דער נידעריקסטער שטופע פון דער געזעלשאַפט שטייט דער kalps (קנעכט), וועלכער האָט ניט קיין אייגענעם פאַרמעגן און איז דערפאַר געצוואונגען אָפּצוגעבן זיין אַרבעטס־קראַפט צו פרעמדע. אָט דער קלאַס שטאַמט פון די קריגס־געפאַנגענע. (דער וואָרט kalps שטאַמט פון רוסישן холопъ פונקט ווי דער וואָרט vergs (שקלאַף) פון רוסישן врагъ). ניט נאָר בײַ די לעטן, אָבער אויך אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער איז קריג און געפאַנגענשאַפט דער מקור פון שקלאַפערײַ **).

דער יסוד פון דער אַלטלעטישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט איז די dzimts — די משפּחה (בײַ די רוימער gens, בײַ די גריכן genos, בײַ די גערמאַנער Geschlecht) די dzimts שטעלט פאָר מיט זיך א פאַרבאַנד פון אַלע נאָענטע און ווייטע קרובים — radi. זיי לעבן אַלע צוזאַמען, אַרבעטן געמיינזאַם, פאַרטיידיקן זיך געמיינזאַם קעגן שונא, אָרגאַניזירן געמיינזאַמע שמחות א. א. וו. כדי זיך אָן עצה צו האַלטן בנוגע ענינים, וואָס האָבן א שייכות צו דער גאַנצער משפּחה, ווערט צוזאַמענגערופן א פאַרזאַמלונג פון אַלע

*) העגריך דער לעט רופט אָן אין זיין כראָניק די לעטישע באָיאַרן: senjores — עלטסטע, primores — ערשטלינגען, meliores — די בעסטע, nobiles — פּאָרנעמע. אין די לעטישע פאָלקס־לידער טרעפן מיר אויסער דעם נאָמען bajari אויך labi ļaudis (גוטע לייט), labi (גוטע), labieši.

**) Ed. Meyer. Die Sklaverei im Altertum. 1898.



י. טשאַקסטע,
ערשטער מלוכה־פרעזידענט



ג. זעמגאַל,
צווייטער מלוכה־פרעזידענט.

# לעטלאַנד.

## געאָגראַפישע לאַגע, באַפעלקערונג און קולטור.

די באַלטישע רעפובליק לעטלאַנד, וועלכע געפינט זיך באַם מזרח־ברעג פון באַלטישן ים, צווישן די מלוכות עסטלאַנד און ליטע, איז געגרינדעט געוואָרן דעם 18־טן נאָוועמבער 1918. לעטלאַנד פאַרנעמט אַ שטח פון 65791 קוו. קילאָמעטער און איז גרעסער פון בעלגיען, שווייץ, האָלאַנד, דענעמאַרק, אַלבאַניען, ליטע, עסטלאַנד א. א.

לעטלאַנד איז אַדמיניסטראַטיוו צוטיילט אין 4 פּראָווינצן: קורלאַנד, זעמגאַליען, ליפלאַנד און לאַטגאַליען. לעטלאַנד גרעניצט זיך מיטן באַלטישן ים — 494 קלמ., עסטלאַנד — 347 קלמ., רוסלאַנד — 269 קלמ., פּוילן — 93 קלמ., ליטע 487 קלמ.

לעטלאַנד האָט אַ באַפעלקערונג פון 1.900.045 פּערזאָן, פון וועלכע 1.394.957 (73,42 פּראָצ.) זיינען לעטן. 94.388 (4,97 פּראָצ.) אידן, 12,52 רוסן, 3,12 פּראָצ. פּאָליאַקן, 3,68 פּראָצ. דייטשן, 1,36 פּראָצ. ליטווינער.

די לעטן געהערן, צוזאַמען מיט די ליטווינער און אַלטע פּרייסן, צו דער באַלטישער פעלקער־משפחה. די לעטן פאַרמאָגן אַן אַלטע קולטור און שפּראַך, וועלכע רעכנט זיך פאַר איינער פון די עלטסטע שפּראַכן אין אייראָפּע און ציט צו דערפאַר די אויפמערקזאַמקייט פון די אָנגעזעענסטע פילאָלאָגן. די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פון דער לעטישער קולטור אַנטפּלעקן זיך קודם כל אין די פאָלקס־לידער — "Daiņas„ פון וועלכער קרישיאַן באַראָנס האָט צוזאַמענגעקליבן 218.000. די מאָדערנע לעטישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַזעלכע באַרימטע נעמען, ווי דער גרויסער דיכטער און אידנפריינט יאַניס ראַיניס, די דיכטערין אַספּאַזיאַ, דער נאָוועליסט און דראַמאַטורג רודאָלף בלוימאַניס, דער ליריקער און מעשהלעך־שרייבער ק. סקאַלבע א. א.

אַף אַ גאַנץ הויכער מדרגה שטייט אויך די טעאַטער־קונסט אין לעטלאַנד. אין ריגע זיינען פאַראַן: דער נאַציאָנאַלער טעאַטער, קונסט־טעאַטער, נאַציאָנאַלע אָפּערע, אַרבעטער טעאַטער, רוסישע דראַמע, אידישער מעזוטים־טעאַטער א. א.

די לעטישע מוזיק האָט זייער חשובע פאַרטרעטער, ווי קאָמפּאָזיטאָר י. וויטאָלס (דירעקטאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע, געוו. פּראָפ. פון פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע), י. מעדינש, דער מחבר פון דער ערשטער לעטישער אָפּערע „באַניוטאַ", י. מעלנגאַיליס א. א.

אויך די לעטישע קונסט און וויסנשאַפט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט. עס איז כדאַי אָנצוּווייזן אַפן לעטלענדישן אוניווערסיטעט אין ריגע מיט זיינע 11 פאַקולטעטן און איבער 9000 סטודענטן, און אַף דער קונסט־אַקאַדעמיע, מיט אירע מערערע אָפּטיילונגען. ס'זיינען אויך פאַראַן אין לעטלאַנד אַ גאַנצע ריי פּריוואַטע הויכשולן, קורסן און אינסטיטוטן.

# פאָרוואָרט.

קיין זאך קען ניט אזוי דערנענטערן און פאראייניקן די איינוואוינער פון א לאנד ווי זייער פאָטערלאנדס געמיינזאמע איבערלעבונגען אין דער פארגאנגענהייט, ווי אויך דאָס באוואוסטזיין פון זייער געמיינזאמען גורל אין דער צוקינפט.

די לעטלענדישע איינוואוינער ובתוכם אויך לעטלאנדס בירגער פון אידישער נאציאָנאליטעט זיינען שוין פון אסך יאָרן פארבונדן דורכן גורל פון דער לעטישער לאנד און פאָלק, וואָס עס שאפט די מאראלישע איינקייט פון דער לעטלענדישער באפעלקערונג און איז איינע פון די זיכערסטע יסודות פון דער דעמאָקראטישער מלוכה.

צו אנטוויקלען און צו שטארקן דעם באוואוסטזיין פון מאָראלישער איינקייט בא דער לעטלענדישער באפעלקערונג איז אויך איינע פון די צילן פון אָט דעם בוך.

דער מחבר דערציילט וועגן דעם גורל פון לעטישן פאָלק אין עבר, ווען איבער לעטלאנד האָבן געהערשט פרעמדע מאכטן, און שילדערט אויך די פרייהייטס-קאמפן פון די לעטן און די גרינדונג פון דער אומאָפהענגיקער דעמאָקראטישער לעטלענדישער מלוכה. מיט פיל זאכקענטניש באשרייבט ער דעם אנטוויקלונגס-וועג פון לעטלאנדס דיפלאָמאטיע און אויסערן-פּאָליטיק און גיט א איבערבליק איבער לעטלאנדס מלוכה-אָרדנונג. ער שטעלט זיך אויך אָפּ אף דער מינאָריטעטן-רעכט אין לעטלאנד און שילדערט דעם מצב פון אידישן מיעוט.

פּאָליטיקער, געלערנטע, פּובליציסטן און די שטודירנדיקע יוגנט וועט פון דעם בוך קענען שעפּן אלזייטיקע וויכטיקע ידיעות וועגן לעטלאנדס פּאָליטישער געשיכטע, וועגן דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער לעטישער גוזעלשאפטלעכקייט און בכלל וועגן די דערגרייכונגען אף פארשיידענע געביטן אינם לעבן פון אונזער רעפּובליק.

דער מחבר דערציילט אויך גענוי וועגן דער אנטוויקלונג פונם ווירטשאפטלעכן לעבן פון דער לעטלענדישער מלוכה, באזונדערס אין די לעצטע יאָרן, ווען די פארשיידענע שוועריקייטן אין די עקאָנאָמישע פארהעלטנישן לאָזן נאָך מער פילן די איינוואוינער פון לעטלאנד, אז זיי זיינען אלע צוזאמען איין משפחה צווישן די אנדערע נאציעס.

איך ווינטש דער בוך זאָל ארויסרופן א גרויסן אינטערעס בא די לעזער און דעם מחבר פון אָט דעם אינטערעסאנטן ווערק דעם באגאבטן שריפטשטעלער, פרעסע-רעפערענט פון אויסערן-מיניסטעריום י צ ח ק מ אָ ר י י ן זאָג איך ארויס מיין דאנק פאר זיין אומערמידלעכער ארבעט אפן געביט פון לעטלאנדס פּראָפּאגאנדע.

י. ס ע ס ק י ס,
שעף פון פרעסע-אָפּטיילונג
פון אויסערן-מיניסטעריום.



מלוכה־פרעזידענט א. קוויעסיס.

# אינהאַלט


פאָרוואָרט פון פּרעסע=שעף י. סעסקיס. 5

## I. לעטלאַנד.

געאָגראַפישע לאגע, באַפעלקערונג און קולטור. 6

## II. פּאָליטישע אנטוויקלונג.

1. פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרדענונג בא די אור=לעטן, זייער רעכט=סיסטעם און צווישנפעלקערישע באַציאונגען. 9
2. אָנהויב פון דער נאַציאָנאַלער אידיי און סאָציאַלער דיפערענצירונג. 14
   א. יונג=לעטן. 14
   ב. נייע שטרעמונג. 18
3. אנטוויקלונג און רעאַליזירונג פון דער מלוכה=אידיי. 22
4. מיליטערישער קאַמף פאַר לעטלאַנדס באַפרייאונג. 26
5. ערשטע דיפּלאָמאַטישע שריט. 39
6. לעטלאַנדס אָנערקענונג דע=פאַקטאָ און דע=יורע. 42
7. לעטלאַנדס אויפנאַמע אין פעלקער=בונד. 45
8. דער אָנהויב פון לעטלאַנדס פּאַרלאַמענטאריזם: נאַציאָנאַל=ראַט, פאָלקס=ראַט און גרינדונגס=פאַרזאַמלונג. 48
9. סיים און אינערן=פּאָליטיק. 52
10. קאָנסטיטוציע פון דער לעטלענדישער רעפּובליק. 57
11. אויסערן=פּאָליטיק. 61
12. האַנדלס=אָפּמאַכן. 65
13. פּראָבלעם פון באַלטישן מלוכות=בונד. 67
14. לעטלאַנדס דיפּלאָמאַטישער און קאָנסולארער קאָרפּוס. 70
15. אויסלענדישער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס אין לעטלאַנד. 72
16. פּרעסע. 73
17. מינאָריטעטן=רעכט און די אידישע מינדערהייט. 75

## III. עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג.

1. לאַנדווירטשאַפט און אגראר=רעפאָרם. 77
2. אינדוסטריע. 78
3. האַנדל. 79
4. פינאַנסן. 79

YW 9
W 3/12180

יצחק מאָריין.

# 15 יאר לעטלאנד

## (1918 — 1933)

גרינדונג און אנטוויקלונג פון דער רעפּובליק.

מיט א פאָרוואָרט פון פּרעסע־שעף מיניסטער י. ס ע ס ק י ס.

VALSTS BIBLIOTEKA
Valsts bibliotēka 576044
47.222k
0309114312

ארויסגעגעבן פון אידישן ליטעראַטן פאַראיין אין לעטלאַנד „אלף". ריגע, 1933

D, 08

יצחק מאָריין.

# 15 יאָר לעטלאנד
# (1918 — 1933)

גרינדונג און אנטוויקלונג פון דער רעפובליק

ארויסגעגעבן פון אידישן ליטעראַטן פאַראיין אין לעטלאַנד „אלף”. ריגע, 1933